STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03175

ARUM DEM MAN FUN NATSERES

Morris Jonah Haimowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. י. האיימאָוויטש

ארום דעם מאַן פון נצרת

פערלאג : קולטור.

ארום דעם מאן פון נצרת — — — — — — — — 147

יוחנן בן זכריה — — — — — — — — — — 158

אינהאלט:

ערשטער קאפיטעל:
פארשפיעל.

צווייטער קאפיטעל:
דער פריידיגער.

דריטער קאפיטעל:
אין ירושלים.

פערטער קאפיטעל:
א שווערע נאכט.

פינפטער קאפיטעל:
דער גאנג צו גלגלתא.

זעקסטער קאפיטעל:
יוחנן בן זכריה.

ערשטער קאפיטעל

פ אָ ר ש פּ י ע ל.

I.

גלייך מיט דער זון האט, אין יענע צייטען, זיך איבער פאלעסטינא געצויגען ווי א רויטע ליניע, דער געדאנק פון א משיח.

די מענשען, מיעד און אפגעשוואכט, ווי נאך א הייסען, פייכטען זומער־טאג, האבען געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אַן אפפרישענדיגען ווינטעל. עס האבען די הערצער גע־שלאגען מיט האפנונג: אט קומט ער, דעריעניגער, וואס וועט באפרייען דאס פאלק פון היידנישען יאך, — ווארים, עס זיינען די קינדער פון ישראל, דאס איינציג פאלק, וואס איז באהעפט מיט'ן געדאנק פון א גרויסער איינהייט.

שטימען מורא'דיגע, ווי געבלאזען פון טראמייטען, האַ־בען זיך געטראגען, ווי ווינטען, איבער דער לענג און ברייט פון יהודה.

די שטימען זיינען פון די העלזער ארויסגעשטראמט געווארען מיט ווילדען, ברענענדיגען צארן. שווערע שטראף־רייד זיינען, ווי קלעפ פון האמער, געפאלען אויף די קעפ:

היט זיך איהר זינדיגע. עס קומט אַן דער טאג, און פון ירושלים וועט ניט בלייבען א שטיין אויף א שטיין!...

אין יענע טעג איז דער גייסט פון פאלק געווען צעברע־קעלט. די פארשיידענע סעקטען, ווי שטורם־אנזאגער, וואס

בליהען שטענדיג אויף. ווען אַ פאָלק שטעהט פאַר אַ קאַ־טאַסטראָפע, האָבען אין דערזעלביגער צייט ניט אויפגעהערט צו אונטערגראָבען דעם יסוד פון פאָלקס־לעבען.

אין יענע שווערע צייטען, ווען פאָנטיוס פילאַטוס איז געווען דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה, האָט זיך איבער יהודה און גליל פאַרשפּרייט אַ שווערע כמאַרע, און האָט אַלעמען געדריקט און געדראָהט, אַז אָט וועט דער שטורם אויס־ברעכען.

די מענשען, אונטער דעם דרוק פון דער שווערער, שוואַרצער כמאַרע, האָבען זיך זעהר פאַרלאָרען. עס האָט זיך אין לעבען פון פאָלק גענומען פיהלען אַ קרענקליכע אויפ־רעגונג, און פאַרשיידענע קלאַנגען און שטימען האָבען זיך פיבערהאַפטיג געטראָגען פון איין עק לאַנד צום צווייטען.

ביי די ברעגען פון ירדן האָט יוחנן המטבל מיט ברע־נענדיגען צאָרן געלאָזט הערען זיין קול. ארום איהם האָבען זיך פאַרזאַמעלט טויזענדע צוהערער. אַלע זיינען באַהערשט געוואָרען פון זיינע פלאַמענדיגע רייד.

און ערגעץ אין גליל, האָט נאָך איינער, אַ שטילערער, געלאָזט הערען זיין קול אין עפענטליכע פּלעצער, וואו דאָס פאָלק פאַרזאַמעלט זיך.

עס האָט איינער געדראָהט דאָס פאָלק, איהם געטריבען צו תשובה:

— ווייל עס איז די האַק אָנגעווינגט איבער אייערע קעפּ, ווי אויף וואָרצלען פון בוימער, און יעדער בוים, וואָס וועט קיין גוטע פרוכט ניט טראָגען, וועט אָפּגעשניטען ווערען און אריינגעוואָרפען ווערען אין פייער.

עס האָט דער צווייטער פרום גערעדט און פאַרקונדיגט גאָט'ס שליחות:

— קעהרט זיך אום פון אייערע וועגען, ווייל די קעניגרייך פון הימעל איז נאָהענט.

יעדער, וואס האט נאר עפּענטליך געפּריידיגט, האט געפונען אנהענגער און נאכפאָלגער: — ווייל אין שווערע ציימען, ווען דער גייסט פון פאָלק איז צעטרייסעלט, קאָנען אויף איהם לייכט ווירקען און זיך צוקלעפּען אלע רייד, ווי עס קען אן עפּידעמישע קרענק זיך זיכער אנקלעפּען צו די מעהר פיזיש־אפּגעשוואכטע.

אט אין דער דאָזיגער גייסט־פאַרווירענדיגער צייט, האט שטיל, אין א ווינקעל ביים גרענעץ פון גליל, געלעבט א יונגערמאן מיט'ן נאמען יותם, דער זוהן פון נדב; און כאָטש ער האט אלץ נאכגעפּאָלגט, וואס עס קומט פאָר אין לאנד און ארום איהם, פונדעסטוועגען האט ער זיך געלעבט אויף זיין נחלה שטיל און צוריקגעצויגען. זיך ניט געמישט און ניט מיטגעשלעפּט געוואָרען אין פּאָליטישען שטראָם.

שטיל און רוהיג איז זיין לעבען געפלאָסען, ווייט פון טומעל און שרייענדיגקייט. ער האט געהערט צו יענע מענשען, וואס דערפיהלען זעהר גיך די נוצלאָזיגקייט פון יעדען ארויסרופענדיגען געדאנק און טומעל, און דעריבער בלייבען זיי שטענדיג אן א זייט — ווייט פון יעדער באוועגונג.

עס האט זעהר אָפט געטראָפען, אז ער איז איבערגעפאלען געוואָרען פון א נאָגענדיגען אומעט און בענקשאַפט, און עס האט איהם אין ערגיץ געצויגען אהין, וואו עס האט געלעבט די יעניגע, צו וועלכער ער האט אין דער שטיל געפיהלט אזא טיעפע נייגונג און ציהונג. אבער, ער, יותם, האט אלע מאָל געקענט פארשטיקען אין זיך דעם נאָגענדיגען שארפען פארלאנג.

דאס לעבען איז פייער, דער מענש — דאס קנייטעל:

וואס מעהר מען ווערט אריינגעצויגען אינ'ם פלאם, אלץ גי־
כער ברענט דאס קנייטעל אוים און פארלעשט זיך.

יעדער גייסט, וואס פארשפרייט זיך איז ווי א וואסער,
וואס צעגיסט זיך אויף פלאך לאנד: ער קאן קיינמאל טיעף
ניט זיין.

יעדעס לעבען, וואס ווערט דאס אייגענטום פון כלל,
איז ווי דאס לעבען פון א זונה: — פריי פאר אלעמען.

דעריבער האט יותם איינגעהאלטען דאס פייער, וואס
האט געברענט אין זיין אינערען, און האט זיין גייסט זיך
ניט געלאזען צופיעל פארשפרייטען און האט זיין לעבען גע־
האלטען פאר זיך.

און אזוי האבען זיך די טעג און יאהרען געצויגען —
און א זון נאך א זון איז אויפגעגאנגען און פארגאנגען.

אבער דאס פאלק ארום האט גענומען הויך רעדען פון
איינעם א מענשען, וואס טוט גרויסע וואונדער, און וועל־
כער געהט איבער אלע שטעדט און דערפער, און פארקונדיגט
דעם גרויסען טאג פון דערלייזונג.

יותם האט, אויסהערענדיג אט די אלע זאכען, זעהר
שטיל און גוטמוטיג געשמייכעלט. ער האט גוט געקענט
דאס פאלק: — דאס פאלק איז ווי א דורכזיכטיג וואסער,
וואו יעדע זאך, וואס מען שטעקט אהין אריין, ווערט פאר־
גרעסערט.

צו יותמ'ן האבען זיך דערטראגען אלע אפקלאנגען, און
עס איז איהם איבערגעגעבען געווארען אלע רייד פון דעם
פריידיגער פון גליל, אבער ער האט אין דעם קיין באזונדערס
ניט געזעהן. פאר איהם זיינען אזעלכע רייד געווען פרעמד
און דערווידער. ער האט אויך געהאלטען, אז דער מענש איז

אומשעדליך. ער האָט געהערט פון זיין שכן אחז, אַז אין ירושלים זיינען די פּרושים שטאַרק נעגען איהם, און ער האָט זיך געוואונדערט.

— זיי ווילען איהם שוין מאַכען שעדליך — האָט ער געזאָגט צו זיין שכן אחז, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַלטען מיט די פּרושים.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען יותם איז געזעסען אויפ'ן שוועל פון זיין הויז און געקוקט פאַרטראַכט אַהין, וואו די זון האָט זיך געזעצט און דערוויי אייננעוויקעלט די גאַנצע ליניע אין אַזעלכע שטילע, רוהיגע פאַרבען, איז ער אין מיטען איבעררַאשט געוואָרען פון אַ באַקאַנטען קול:

— פרידען צו דיר, יותם, זוהן פון נדב.

יותם האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ:

— שמעון ?!... זיין געבענשט — און יותם האָט זיך אויפגעהויבען.

יותם האָט מיט וואַרימקייט אָנגעקוקט דעם ניי־אָנגעקומענעם. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף יענעמ'ס אַקסעל און גוטמוטיג געזאָגט:

— זיי געשיצט אונטער מיין דאַך.

שמעון האָט אויסגעשטעלט אויף יותמ'ן אַ פּאָר צעטרמעלטע אויגען, איהם באַטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס געוואָלט איבערצייגען, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איך בין געקומען ניט אויף לאַנג. און דאָ האָט ער איהם גענומען דערציילען וועגען דעם צוועק פון זיין קומען.

יותם האָט איהם רוהיג אויסגעהערט, דערנאָך האָט ער מיט אַ גוטען שמייכעל געזאָגט:

— אַזוי, אַזוי, שמעון, האָסט פאַרלאָזען די פישנעצען און גענומען שפּרייטען נעצען פאַר מענשען. אָבער איך

האַלט, שמעון, אַז ווי עס זאָל ניט זיין, איז וועה צו די גע־פאַנגענע...

יותם האָט האַרציג געלאַכט.

שמעון האָט געצויגען מיט די אַקסלען:

— וואָס רעדסטו, יותם?!

— שמעון? — איז יותם געוואָרען ערנסט — איך וועל צו אייך ניט צושטעהן...

שמעון האָט אויף איהם אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַר־וואונדערטע אויגען:

— פאַרוואָס?...

— דו דערצעהלסט מיר, אַז יהודה איש־קריות איז צו אייך צוגעשטאַנען — וואונדער איך זיך. איך קאָן גוט יהודה'ן, ער איז ניט דער מענש צו האַלטען וועמען עס איז אין דער וועלט גרעסער פון זיך... איך, שמעון, בין ווייט פון די אַלע זאַכען.

איבער שמעונ'ס געזיכט, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון אונטער'ן קאַפּ־טוך, איז איבערגעגאַנגען אַן אומצעפרי־דענער שאָטען. ער האָט געזאָגט:

— איז מיין גאַנג געווען אומזיסט?...

— ניט אומזיסט, דו וועסט פאַרבלייבען מיט מיר...

— ניין, יותם, — האָט זיך שמעון אַ כאַפּ געטאָן — איך מוז נאָך א י ה ם היינט זעהן. דער וועג איז לאַנג... אין כפר־נחום...

יותם האָט געשוויגען.

שמעון האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַראָפּגעצוי־גען די טוך, וואָס האָט איבער אַ העלפט פאַרדעקט זיין פּנים.

— און אַ בלייך געזיכט, מיט גרויסע גלאַנציגע אויגען און אַ שפּיציגע נאָז און בערדיל, האָט זיך אָפּגעדעקט.

שמעון האָט נאָך אַמאָל געפרעגט ביי יותמ'ן פאַרוואָס

ער וויל ניט צושטעהן צו זיי, און ער האט איהם געבעטען. אז ער זאל איהם דערקלערען די אורזאך.

יותם האט דערקלערט:

— איך, שמעון, האב פיינט טומעל, איך קאן עס ניט פארטראגען, ווען אפילו פון טומעל זאל זיך ארויסשיילען די קעניגרייך פון גאט... ווייטער, שמעון, גלויב איך ניט אין אלגעמיינעם גליק... איך פאר זיך בין גליקליך!...

שמעון האט איהם עפעס אזוי מאדנע אנגעקוקט און גע־צוקט מיט די אקסלען, אזוי ווי ער וואלט זיך וואונדערען און זאגען: מאדנע רייד. אזעלכע רייד האב איך קיינמאל ניט געהערט.

איך וועל דיר זאגען, יותם — האט שמעון אנגעהויבען — איך פארשטעה ניט...

יותם האט געלאכט:

— אך, שמעון, שמעון... — און מיט אמאל האט ער איבערגעבימען דעם טאן, און זיך געווענדט צו שמעונ׳ען: איצט, שמעון, קום אריין אין הויז און וועסט האבען דיין אווענט־ברויט.

שמעון האט זיך אפגעזאגט:

— איך בין ניט הונגעריג, יותם, און אגב מוז איך איי־לען.

— געה אין פרידען — האט יותם א זאג געטאן.

שמעון האט זיך געזעגענט, און באלד האט זיך זיין איילענדיגע פיגור צונויפגעגאסען מיט דער האלב־טונקעל־קייט פון אנקומענדיגען אווענט.

יותם האט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שוועל, און האט לאנג־לאנג פאר זיך געקוקט צו יענעם פונקט, וואו די זון האט זיך, דא ניט לאנג, אראפגעלאזען.

עפעס האט איצטער אן אומבאקאנט געפיהל איהם

אינגאַנצען באַהערשט. ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, ווי עמיצער וואָלט הינטער זיין רוקען איבער איהם אויסגע־שפּרייט אַזאַ שווערע זאַך, וואָס קאָן יעדע ווייל אויף איהם זיך אַראָפּלאָזען און איהם צעדריקען. ער האָט אַזוי ווי דער־שפּירט אין דער לופט דאָס אָנקומען פון אַ גרויסען שטורעם. און איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער זעהט, ווי איבער די באַ־גילדטע דעכער פון טעמפּעל פליהען אַזעלכע גרויסע שוואַר־צע רויב־פויגעל מיט ווייט־צעשפּרייטע פליגלען און פון די וועגט שפּאַרט אַ געדיכטער רויך.

יותם האָט זיך אויפגעהויבען מיט אַ שווערען געמיט. אין דער שטיל האָט ער צו זיך אַליין גערעדט:

— ווען עס הויבט זיך אָן די קעניגרייך פון גאָט, ענ־דיגט זיך די קעניגרייך פון די מענשען. — וועה צו די מענ־שען.

II.

דער הימעל אַ טיעפער, אַ סודות'דיגער, האָט זיך גע־שפּרייט איבער זיין קאָפּ. די נאַכט האָט זיך אַלץ געדיכ־טער געוועבט אַרום, און גענומען צופאַלען צו דער ערד. און ער איז נאָך אַלץ אַזוי געזעסען פאַר'ן הויז און געקוקט פאַר זיך אין דער פינסטעלדיגער טונקעלקייט. ער האָט געקוקט אויף די שפּיצען פון די אומבאַוועגליכע שוואַרצע בוימער. געזעהן פייערען אויפשפּרינגען אויפ'ן טונקעלען, גלאַטען גרונט פון הימעל, געפיהלט אויף זיך די קיהלע רוהיגקייט פון אָווענט, און געהאַט אַ געפיהל, אַז ער באַהעפט זיך מיט עפּעס גרויסעס: —

ווייל אין די אויסגעשטערנטע, רוהיגע נעכט, טראגט זיך איבער דער ערד דער אטעם פון צייט, געלייטערט פון פסולת, געזייפט דורכ'ן שלייער, וואס פארציהט דעם לעבען פון טאג.

ערגעץ אין די בערג, האט א שטימע גערופען, און א צווייטע האט געענטפערט.

יותם האט א טראכט געטאן פון די שעפער, וואס האָבען אויף דער נאכט געבראכט זייער שאף אין די בערג, און ער האט זיך דערמאנט אן זיין פערד, וואס ער האט ניט לאנג געקויפט ביי א וואנדערענדיגען אראבער, און עס איז איהם געווארען גוט און ווארעם אויפ'ן הארצען.

מארגען דארף מען איהם איינשפאנען, — האט ער געטראכט — ער איז נאך אביסעל ווילד.

ער האט זיך אויפגעהויבען און געהאט אין זינען אריינצוגעהן אין הויז, אבער ער האט זיך איהם געדוכט, אז ער הערט מענשליכע שטימען. ער איז געבליבען שטעהן און זיך צוגעהערט.

די שטימען האבען זיך דערנעהענטערט, און ער האט שוין געקאנט הערען, וואס זיי ריידען צווישען זיך.

א טיעפע, שטרענגע שטים האט גערעדט:

— די נאכט וועט זיין פינסטער. ס'איז סוף חודש. די לבנה קומט ערשט ארויס נאך דער ערשטער אשמורה, און דער וועג צו כפר־נחום איז ווייט. מיר מוזען זיך דא אין ערגעץ אפשטעלען.

א צווייטע, יונגע, כמעט אינגלישע שטים, האט געענטפערט:

— דא ניט ווייט דארף זיין א נחלה. איך בין דא עטליכע מאל פארביי געגאנגען.

א דריטע שטים האט זיך אזוי ווי געקלאגט:

— איך בין מיעד און הונגעריג.

יותם האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אויף פאָרענט און גע־פרעגט:

— ווער געהט?...

אויף אַ ווײַלע איז געבליבען שטיל. די שטימען האָ־בען זיך ווי אָפּגעהאַקט, אָבער באַלד איז געקומען אַן ענטפער פון דער טיעפער, שטרענגער שטים:

— ברידער — אידען.

יותם איז געגאַנגען אַנטקעגען.

דריי שוואַרצע געשטאַלטען האָבען זיך פון דער פינ־סטערניש, ווי שאָטענס אַרויסגערוקט. יותם איז פאַר זיי געבליבען שטעהן.

— פרידען.

— פרידען.

יותם האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפ'ן האַרצען און זיך טיעף פאַרנייגט:

— זייט ווילקאָמען אין מיין הויז, אונטער'ן שוץ פון מיין דאַך.

די טיעפע, שטרענגע שטים האָט געענטפערט:

— געהייליגט זאָל זיין דיין הויז.

— געבענשט זיינען די אָנקומענדיגע: — געהט נאָך מיר.

יותם איז געגאַנגען פאָראויס, און די דריי פאַרהילטע געשטאַלטען זיינען איהם נאָכגעגאַנגען.

יותם האָט זיך מיט זיי אויסגעגלייכט און געפרעגט:

—וואוהין זיינען אייערע געזיכטער געווענדעט?

דער מאַן מיט דער טיעפער, שטרענגער שטים האָט גע־ענטפערט:

— צו כפר־נחום.

— צו כפר־נחום ?...

— איז נאך אהין ווייט ?

— ביי א האלבען טאג גאנג.

זיי זיינען צוגעקומען צום הויז. יותם האט געעפענט די טיר.

אין הויז האט יותם געקלאפט פייער און אנגעצונדען דעם אויל־לאמפ.

די דריי האבען אראפגעצויגען די קאפ־טיכער און זייערע פנים'ער, מיעדע, פארשטויבטע, האבען זיך באלויכטען פון דעם רויטליכען אפשיין.

דער מאן מיט דער טיעפער, שטרענגער שטים, א מיטעלער מענש, קרעפטיג געבויט, מיט א לאנגע שווארצע בארד און גרויסע אויגען, האט געמאכט דעם איינדרוק, אז ער איז מיט קיין זאך אין דער וועלט ניט צופרידען. די הארטקייט, וואס האט זיך געשפרייט צווישען די פאלדען פון זיין מענליכען געזיכט, האט דייטליך דערצעהלט, אז אט דער מענש האט פארבראכט דאס מעהרסטע פון זיין לעבען אין א שוהל, וואו מענשען זיינען איינגעהאלטען און זעהר געהיט אין זייערע וועגען. זיינע אויגען, האבען דורכדרינגענד געקוקט, גלייך, ווי זיי וואלטען די ערשטע זאך וועלען אויסמעסטען די שטארקייט און שוואכקייט פון דעם אויפ־וועמען זיי קוקען. ארום דעם מויל, באדעקט מיט די שווערע, שווארצע וואנצען, האבען זיך געבויגען צוויי שארף איינגעשניטענע קנייטשען און זיינען פארפאלען געווארען אין דער געדיכטקייט פון בארד.

ווי נאר אין הויז איז ליכטיג געווארען, האט ער אנגעשטעלט זיינע אויגען אויף יותמ'ן מיט א שאטען פון מיסטרוי. יותם האט אויפגעכאפט זיין קוק און ער האט א טראכט געטאן :

ער איז פון ירושלים — פון די פּרושים.

די אַנדערע צוויי, נאָך יונגע בחורים׳לאַך, האָבען מיט זייערע פרישע אויגען קינדעריש און נייגעריג געקוקט אויף יותמ׳ן, גלייך, ווי זיי וואָלטען פון איהם עפּעס אויסערגעוויינליכעס דערוואַרטעט.

יותם האָט געשטעלט אויפ׳ן טיש ברויט, פּוטער, האָניג און וויין, און ער האָט זיי איינגעלאַדען עסען.

די דריי האָבען געדאַנקט און זיך געזעצט בײם טיש.

שפּעטער האָט יותם געפרעגט:

— פון וואַנען זיינען די ברידער?...

—פון ירושלים. — האָט קורץ דער עלטסטער געענטפערט.

— פון ירושלים? — און יותם האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט עפּעס ווייטער וועלען פרעגען.

דער מאַן מיט דער לאַנגער, שוואַרצער באָרד, האָט איהם אַזוי ווי פאַרדריסליך אָנגעקוקט און געפרעגט אין האַלבען טאָן:

— איז דאָס אַ וואונדער פאַר׳ן האַר?...

יותם האָט געענטפערט:

— ניין, איך האָב אַזוי געטראַכט... אין ירושלים האָב איך אַ פריינט, — אַ יוגענט־חבר.

דער עלטסטער האָט איהם קלוג און שאַרף אָנגעקוקט און דערנאָך געפרעגט:

— ווי איז דער נאָמען פון האַרס יוגענט־פריינט?

— חנינה בן חגי.

— חנינה בן חגי?...

יותם האָט איצטער גלייך געקוקט אויפ׳ן מאַן, גלייך ווי ער וואָלט איצטער עפּעס וועלען פון איהם דערגעהן.

ער האָט געפרעגט:

— איז באקאנט צו מיין געעהרטען גאסט דער נאמען פון מיין יוגענט־פריינט?...

דער מאן האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אויף יע.

— איז ער געזונט און גליקלאך?

— יע, ער איז געזונט, ער איז רייך, — האט ער געענטפערט, און א בייזליכער שמייכעל האט זיך געדרעהט ארום די געדיכטע שווארצע וואנצען.

יותם איז געווארען נייגעריג. ער האט אין א ווייכען טאן געבעטן:

— מיין האר וועט מיר טאן א גרויס גענאד, ווען ער וועט מיר מעהר דערצעהלען וועגען מיין יוגענט־פריינט, חנינה. איך האב שוין מיין פריינט ניט געזעהן א לאנגע צייט.

דער מאן האט א נעהם געטאן די בארד, אנגעשטעלט די ליפען, אזוי ווי ער וואלט זיך צוגעגרייט וויכטיגעס צו דערצעהלען. און נאך אמאל שארף אנשטעלענדיג זיינע אויגען אויף יותמ'ן, האט ער אנגעהויבען:

— חנינה, דער זוהן פון חגי, איז מיר אביסעל פרעמד. זיינע וועגען זיינען ניט מיינע. איך וויל ניט זאגען, אז ער איז ארויס לתרבות רעה, אבער ער איז א צדוקי, אן עפיקורעער, אהן זייער פילאזאפיע. ער איז דאס קינד פון פאטער, וועמען א גאנצער דור האט ליעב געהאט. זיין פאטער און הלל, צוויי מענשען, וואס האבען געהאט א ווירקונג אויף זייער צייט, כאטש חגי האט זיך אוועקגעלאזען אויף אן אנדער וועג — אויפ'ן וועג פון האנדעל. אבער דער זוהן, חנינה, איז שוין ווייט פון פאטער. ער איז זעהר א לייכטפארטיגער יונגער מאן, פארברענגט זיינע טעג און נעכט אין לייכטזיניגער געזעלשאפט, צווישען זונות...

דאַ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

יותם האָט גוטמוטיג געשמייכעלט.

דער מאַן האָט אויף איהם איצטער דורכדרינגענדיג אַ קוק געטאָן, און זיין קוק האָט איצטער אַזוי ווי גערעדט: איצטער ווייס איך מיט וועמען איך האָב דאָ צו טאָן.

נאָכ'ן אוונט ברויט, האָט דער עלטסטער געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרפיהרען אַ שמועס וועגען דער איצטיגער פּאָליטישער לאַגע פון יהודה, אָבער יותם איז געווען זעהר פאַרזיכטיג. ער האָט ניט געוואָלט אריינפּלאָנטערען זיך.

דערנאָך האָט איהם דער עלטסטער געפרעגט, אויב עס איז איהם באַקאַנט אַ יונגער מענש פון גליל מיט'ן נאָמען ישוע, זוהן פון יוסף דעם סטאָלער פון נצרת?...

צום אָנהויב האָט זיך יותם ניט געכאַפּט וועמען ער מיינט, דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט און געזאָגט:

— יע, איך האָב פון איהם געהערט.

— וואָס האָט דער האַר פון איהם געהערט?...

יותם האָט זעהר לאַנגזאַם אויסגעצויגען זיין ענטפער:

— איך האָב געהערט, אַז ער פּריידיגט אין אַלע שוהלען און מערק פון גליל וועגען אַ הימלישע קעניגרייך.

— „אַ הימלישע קעניגרייך" — האָט ער מיט באַטאָנונג איבער געזאָגט און אַ בייסיגער שמייכעל האָט איבערגעצויגען זיינע שוואַרץ באַוואַקסענע ליפּען.

יותם האָט איהם מיט חשד אָנגעקוקט. ער האָט געפרעגט:

— ווי איז דער נאָמען פון מיין געעהרטען גאַסט?...

ער האָט זיך אַזוי ווי אויסגעגלייכט, אויסגעצויגען זיך אין זיין פולער הויך און מיט ווירדע געזאָגט:

— יאשיהו דער זוהן פון מנשה פון דער פאַמיליע כהנים.

יותם האט איהם אנגעקוקט.

יאשיהו, זוהן פון מנשה, ווי ער האט ארויסגעזאגט זיין נאמען און שטאנד, האט זיך דערפיהלט פרייער, און ער האט אנגעהויבען ריידען מיט מעהר זיכערקייט.

ער האט ארויף געלעגט זיין האנט אויף יותמ'ס אקסעל און געזאגט:

— זאל דער האר, אונטער וועמעס דאך און שוץ מיר געפינען זיך איצטער אויסהערען, ווייל דא האנדעלט זיך פון דעם כבוד און זיכערהייט פון דעם פאלק ישראל.

יותם איז געווארען נייגעריג.

דער מאן האט אויסגעצויגען די באָרד אין פולער לענג און געשפילט זיך מיט'ן שפיץ, געדרעהט צווישען די פינגער, א נעהם געטאן דעם שפיץ צום מויל און דערווייל האט ער נאכאנאנד געקוקט אויף יותמ'ן, וועלכער איז געשטאנען פארטיג אויסצוהערען, וואס מען וועט איהם זאגען. ער האט לאנגזאם אנגעהויבען:

— אין ירושלים טראגען זיך ארום קלאנגען, אז אין גליל האט זיך געוויזען א מענש, וואס באווייזט וואונדער. מען זאגט אויף איהם, אז ער האט אוועקגעווארפען זיין עהרליכע מלאכה, וואס דערנעהרט דעם מענשען, און איז ארום ריידען קעגען דער רוימישער הערשאפט און תורת משה. ער באווייזט זיך אין אלע שטעדט און דערפער, קומט אין די שוהלען און פארזאמעלט ארום זיך א גרויסען עולם. העצט אויף דעם פאלק, וועקט אין איהם א גרויסע אומצופרידענהייט, דערצעהלט נסים — און דאס פאלק גלויבט... אין ירושלים, דארטען ביים כהן גדול אין הויף, האט מען דערפיהלט, אז עס שוועבט א סכנה איבער'ן אידישען פאלק, און זיי, די עלטסטע פון סנהדרין, האבען מיר דאס געשיקט

אין גליל זעהן און זיך איבערציינגען, ווי ווייט דער מענש איז אומשעדליך...

ער איז געבליבען שטעהן און געקוקט גלייך אויף יותמ'ן.

יותם האָט געשוויגען. ער האָט זיך עפּעס איצטער גע־פוילט צו ריידען.

יאשיהו האָט אויף איהם איצטער געקוקט מיט אַזאַ אויסדרוק, גלייך ווי ער וואָלט דערוואַרטען, אַז דער מאַן, וואָס שטעהט אַנטקעגען איהם, וועט עפּעס ווידערשפּרעכען. זעהענדיג, אַז יותם שווייגט, איז ער געוואָרען אַנטוישט און אביסעל אויפגערעגט. ער האָט מיט פאָרוואורף געזאָגט:

— וואָרים שווייגט דער האר?...

יותם האָט רוהיג געענטפערט:

—איך האָב נאָך וועגען דעם ניט געטראַכט.

יאשיהו האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס ניט פאַרשטאַנען, און ווענדענדיג זיך צו זיינע צוויי באַגלייטער, האָט ער געזאָגט:

— זייט געגרייט! מיר לאָזען זיך באַלד אין וועג. מיט'ן טאָג דאַרפען מיר זיין אין כפר־נחום.

יותם האָט איצטער געהאַט אַ מאָדנעם געפיהל. דער מאַן איז איהם ניט געפעלען געוואָרען. ער האָט ניט ליעב געהאַט די פּרושים, פונדעסטוועגען האָט ער געפיהלט אין זיינע רייד אַן אמת'ן קלאַנג און אויפריכטיגקייט, ווי אויך אמת'ע מורא פאַר'ן גורל פון פאָלק ישראל.

— בלייבט נעכטיגען אונטער מיין דאַך, — האָט יותם פריינדליך זיי געבעטען.

— די צייט איז קורץ, — האָט יאשיהו אַ זאָג געטאָן ענערגיש, — מיר מוזען מיט'ן טאָג זיין אין כפר־נחום.

ווען די דריי האָבען פאַרלאָזען דאָס הויז איז יותם גע־בליבען שטעהן אין דרויסען און זיי נאָכגעקוקט, ווי זיי זיינען

פּאַרפּאַלען געוואָרען אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט.
און ער האָט מיט טרויער א טראַכט געטאָן:

דער מאַן פון נצרת. ער ווערט דער פּונקט אויף וועל־כען אַלע הויבען אָן צו קוקען... אַלע, אַלע, ציהען איצטער צו כפר־נחום... כפר־נחום, כפר־נחום — א פישער שטעד־טעל...

און ווידער האָט ער זיך דערמאַנט וועגען זיין פערד, וואָס ער האָט ניט לאַנג געקויפט ביי א וואַנדערדיגען אראַ־בער, און איהם האָט זיך פאַרוואַלט געהן צום שטאַל און אין דער פינסטער א גלעט טאָן די סאַמעטענע פעל, און פילען אויף זיך דעם הייסען אָטעם.

אין דער ווייט אויפ׳ן ברעג הימעל האָט א פייער אויפ־געפלאַמט און דער הימעל איז ליכטיג געוואָרען ווי ביים זון אויפגאַנג.

די שעפער, האַבען פייערען אין די בערג אויסגעלעגט:
די נאַכט איז געווען א קיהלע.

III.

אין דער פריה האָט יותם אַרויסגעפיהרט דעם פערד פון שטאַהל און האָט איהם גענומען אַרומקוקען. איהם האָט זיך ביינאַכט גע׳חלום׳ט, אַז דאָס פערד האָט זיך אָפּגעשלאָ־גען א פוס און ער הינקט.

דאָס פערד, א הייסבלוטיגס, מיט א גלאַטע, שוואַרצע גלאַנציגע פעל, און מיט א באַוועגליך אויסגעבויגען האַלז, ווי א האַלב לבנה, איז געווען אומרוהיג און איז ניט איינ־

געשטאַנען אויף איין פּלאַץ: ער האָט מיט די פאַדערשטע פיס, ריהרעוודיג נאָכאַנאַנד אויפגעשלאָגען דעם ווייכען גרונט און שטיקער ערד זיינען מיט קראַפט אָפּגעשאָסען געוואָרען אין אַלע זייטען. פון די פאַנאַנדערגעשפּרייטע נאָז לעכער האָט געהאַקט אַ פּאַרע און שפּריי, און ער האָט זיין בויגיג, שלאַנקען קערפּער באַוועגט ווי אַ טענצער, זיך אַלץ געדוקט מיט'ן הינטען, וואָס דערביי האָט זיך די גלאַנציגע גלאַט־קייט פון זיין פעל געקנייטשט אין פאַלדען. זיין יונגער פול בלוטיגער און זאַרגלאָזער הירזשען האָט זיך פאַנאַנדער־געשאָטען מיט אַן אָפּקלאַנג אין דער פרישער פריה־מאָרגען לופט.

יותם האָט איהם געגלעט, געצערטעלט:

— שטעה שטיל, דו שעהנער.

ער האָט באַטראַכט די פיס, מיט איהם זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעלאָפען ביים וועג, און ער האָט ניט באַמערקט, אַז עס זאָל וואָס עפּעס זיין מיט זיינע פיס, און איהם האָט זעהר שטאַרק הנאה געטאָן.

— גוט מאָרגען, יותם! — האָט ער הינטער זיך דער־הערט אַ באַקאַנט שטים. ער האָט זיך אָפּגעקערט. אַנט־קעגען איהם איז געשטאַנען זיין שכן אחז, אַ הויכער, אַ גע־זונטער מיט געדיכט געקרייזעלטע האָר און מיט שוואַרצע, ברענענדיגע אויגען.

— גוט מאָרגען, — האָט איהם יותם פרעהלאַך אין מאַן געענטפערט, און ער האָט אָפּגעווישט מיט'ן האַנט דעם שוויים פון שטערען. — זיך פאַרמאַטערט, אחז...

אחז האָט איצטער מיט אַן אויג פון אַ קענער באַטראַכט דעם פערד, און ער האָט נעפרעגט:

— וואָס איז מיט'ן פערד?...

— מיר האט זיך עפעס געדוכט, אז מיט זיינע פיס איז עפעס ניט גלאט — האט יותם געזאגט. — אבער, ס'איז גארנישט.

אחז האט זיך אביסעל איינגעבויגען און גענומען ארומקוקען דעם אונטערשטען טייל פון פערד פון אלע זייטען.

— וואס ווילסטו, איך זעה גארניט, — האט ער געזאגט.

— גארניט, גארניט, מיר האט זיך נאר געדוכט.

— א גוט פערד, — האט אחז צופרידען, ארויסגעטראגען זיין אורטהייל. נאכדעם, ווי ער האט דעם פערד ארומגעקוקט פון אלע זייטען.

— זיך ניט אפגענארט? — האט יותם צופרידען געפרעגט.

— דו האסט געהאנדעלט א מציאה, — האט אחז געזאגט. — מיין פערד איז אויך ניט קיין שלעכטער.

— א, א גוטער פערד, — האט איהם יותם געוואלט זאגען א גוט ווארט.

— יותם, דו ווייסט, וואס איך בין איצטער צו דיר געקומען? — האט איהם אחז מיט אמאל געפרעגט.

יותם האט איהם אנגעקוקט.

— איך וויל, יותם, אז דו זאלסט מיט מיר פאהרען אויף א חתונה, — האט אחז אנגעהויבען.

— אויף א חתונה? — האט יותם אויף איהם אויסגעשטעלט א פאר אויגען — וואס עפעס אין מיטען דריגען א חתונה?...

אחז האט איהם דערצעהלט, אז ער האט א חתונה אין קנה ביי זיינעם א קרוב, און ער וויל, אז ער, יותם, זאל מיט איהם פאהרען אויף דער חתונה.

יותם האט געלאכט.

— וואָס וועל איך טאָן דאָרטען אויף דער חתונה?

אחז איז צו איהם צוגעשטאַנען און איהם דערצעהלט, אַז דאָרטען וועט זיין זעהר אַ שעהן מיידעל, גאָר אַן אויס־געצייכענטע פרוי, אַזאַ האָט ער נאָך ניט באַגעגענט.

— איך וויל, יותם, אַז דו זאָלסט זי זעהן, — האָט אחז גערעדט. — זי איז אַליין ניט פון קנה. זי איז פון מגדלה, אָבער זי האַלט זיך אויף אַ קורצע צייט אין קנה. זי איז מיר זעהר געפעלען, — אָבער...

יותם האָט אונטערגעכאַפּט:

— אָבער?...

— אָבער, ס'איז ניט דאָס! — האָט אחז ארויסגע־זאָגט.

— איך פאַרשטעה דיך ניט.

— זי איז אַ טייפעל, באַזעסען מיט זיבען רוחות... דו וועסט זי זעהן...

יותם איז געוואָרען פאַראינטערעסירט:

— באַזעסען מיט זיבען רוחות?...

און ער האָט געשמייכעלט.

— דו וועסט זעהן.

יותם האָט צום סוף איינגעוויליגט צו פאָהרען מיט אחז'ן אין קנה אויף דער חתונה, און זיי האָבען אָפּגעמאַכט, אַז אַ שיין אויף טאָג זאָלען זיי שוין זיין פאַרטיג אין וועג אַריין.

יותם איז אויפגעשטאַנען גלייך מיט'ן מאָרגען שטערען. און ער איז אַוועק אין שטאַהל און אָנגעזאָטעלט זיין פערד. און עס האָט איהם זעהר הנאה געטאָן, וואָס ער פאָהרט, דערווייל וועט ער נוט אויספּרובירען דעם פערד אויף אַלע אופנים.

אביסעל שפּעטער איז אחז אַנגעפאַהרען אויף זיין פערד. אוןביידע רייטער האבען זיך אוועקגעטראַגען אין דעם גרויען געוועב פון פריה-מאָרגען.

אחז איז געווען אַ רעדעוודיגער. ער האט דערצעהלט יותמ׳ן פּאַרשידענע געשיכטען און נייעסען פון דעם גאַנצען געגענט: ווער עס האט חתונה געהאט, ווער עס איז געשטאָר־בען. יותם האט זיך צוגעהערט און אליין אָבער גאָרנישט צוגעגעבען.

ביי טאָג זיינען זיי אַנגעקומען אין קנה.

די גאַנצע שטעדטיל, ווי איין משפחה, איז געווען אויף מיט דער חתונה. די איינוואוינער האבען זיך פאַרזאַמעלט אין און אַרום הויז פון דער כלה.

דער כלה׳ס פאָטער, עמינדב, אַ געזונטער פישער, האט אחז׳ן מיט יותמ׳ן אויפגענומען מיט דער אָפּענהערציגקייט און גוטמוטיגקייט פון אַ דאָרפס מענש, און באַטראַכטענדיג ביידענס פערד, איז ער געווען זעהר באַגייסטערט:

— אַ פּאָר פערד, כאָטש איינצושפּאַנען אין הורדוס׳עס וואַגען! — האט ער אויסגערופען. — ווען איך בין אינגער געווען, האָב איך זעהר ליעב געהאַט צו רייטען אַזעלכע פערד. איצטער, קינדער, איז שוין נים דאָס...

יותם און אחז האבען אַריינגעפיהרט זייערע פערד אין שטאַהל, און דערנאָך זיינען זיי אַריין אין הויז.

די געררופענע האבען זיך גענומען פאַרזאַמלען. אין שטוב איז געווען פינסטערלאַך, ווייל דאָס גאַנצע ליכט איז געקומען פון דער אָפענער טיר. די טישען זיינען געווען גע־גרייט מיט אלערליי מאכלים און געטראַנקען. די שטעטעל־דיגע מיידלאַך, געזונטע, פאַרברענטע פון זון, מיט גרויסע, אָפטמאָל פאַר׳חלום׳טע אויגען, האבען זיך אויסגעפּוצט אין

זייערע יום־טוב׳דיגע קליידער און אנגעמאכט א טומעל און געלעכטער, צוזאמענמישענדיג זיך מיט די געזונטע יונגע פי־שער.

עס זיינען געקומען די כלי־זמר, און א קלאנג פון פייפ־לאך און טעץ האט זיך פארשפרייט ארום.

באלד האבען בחורים און מיידלאך געטאנצט אין שטוב און אויפ׳ן הויף צווישען די וויינשטאקען און פייגענבוימער.

ווייסע און בונט־פארביגע טיכער און קליידער, האבען ווי פארשידענע פאהנען געפלאטערט אין דעם גאלדיגען דרוי־סען אויפ׳ן גרונט פון זאפטיגער גרינקייט.

יותם האט זיך געפיהלט ניט אויפ׳ן פלאץ. ער איז געשטאנען פון וויטען און האט פאר קיין פאל ניט געקאנט ארייגפאלען אין דער זעלבער לוסטיגער שטימונג, אבער זיין שכן, אחז, איז באלד אריינגעפאלען אין טאן און האט גלייך מיט די איבעריגע זיך לוסטיג געמאכט.

די זון האט זיך העכער געגומען רוקען אויפ׳ן הימעל, און פון די ארומיגע שטעדטלאך זיינען נאך אנגעקומען געסט. דער הויף איז געווארען פול מיט מענשען.

צווישען א גרופע מיידלאך, אין וויין גארטען, האט זיך מיט איהר לוסטיגקייט און הייטערקייט, מעהר ווי אלע אויס־געצייכענט א יונג מיידעל מיט איהר קאפ פייערדיגע האר. צווישען אזוי פיעל עכט שווארצע קעפ. זי איז איצטער געשטאנען געווענדט קעגען דער זון און געזונגען א ליעד ווע־גען ליעבע.

— מרים, וואו האסטו זיך אויסגעלערנט דאס ליעד?

— האט איהר געפרעגט א מיידעל מיט׳ן נאמען שושנה.

— עפעס קלינגט עס פרעמד. עס איז א געצען דינעריש ליעד...

— איך האָב זיך דאָס אויסגעלערנט אין טיבעריאַס.

— האָט מרים פאַריסען געענטפערט.

אחז האָט יותמ'ן מיט'ן פינגער אנגעוויזען אויפ'ן מיי־דעל מיט די גאָלד־פייערדיגע האָר.

— מרים! — האָט ער זי אַ רוף געטאָן.

דאָס מיידעל, ביים דערמאָנען איהר נאָמען, האָט זיך אפגעקעהרט, און דערזעהענדיג די צוויי יונגע מענער, האָט זי אויף אַ רגע איינגעהאַלטען איהר הייטערקייט, וואָס האָט באַשיינט איהר זעהר שעהנעם, ווייסען געזיכט. דערנאָך האָט זי אָהן אַן אורזאַך אויסגעשאָסען אין אַ שרייענדיגען געלעכטער.

— אחז! — האָט זי הויך אויסגעשריען און איז צו איהם צוגעלאָפען, ניט אומקוקענדיג זיך אויף יותמ'ן.

— מרים, ווי פרעהלאַך! — האָט איהר אחז אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן טאַליע.

זי האָט זיך מיט אַמאָל אַ ווענדע געטאָן צו יותמ'ן, איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע און שעהנע אויגען און גע־פרעגט:

— ווער ביזטו? ביזט איינער פון זיי, וואָס געהן נאָך. נאָך איהם?...

יותם האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט. ער האָט זי אָנגעקוקט.

זי האָט אַ בליץ געטאָן מיט די אויגען:

— קאָנסט איהם ניט, דעם מאַן פון נצרת?

יותם איז געבליבען אַביסעל צעטומעלט.

— דעם מאַן פון נצרת? ניין, איך קאָן איהם ניט...

זי האָט צו איהם אַ זאָג געטאָן:

— דו וועסט איהם באַלד זעהן...

און איז אריינגעלאָפען אין הויז אריין.

אחז איז איהר נאָכגעלאָפען:

— מרים, מרים!...

יותם האָט נאָכגעקוקט דער אנטלויפענדיגער מרים און א געפיהל פון בענקשאַפט האָט איהם ארומגענומען. ער האָט זיך דערמאָנט אַן אַ צווייטער פרוי, וואָס ער האָט מיט יאָהרען צוריק באַגעגענט, און עס האָט איהם פיינליך וועה געטאָן.

— און וואו איז זי איצטער?...

ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צום הויז, און ער האָט פאר זיך אין דער שטיל גערעדט:

— דער מאַן פון נצרת, ווידער דער מאַן פון נצרת — און ער האָט עפּעס דערפיהלט אַ ווידער טעם און איז געווארען אויפגערעגט.

דער אווענט האָט זיך אַנגערוקט.

אין הויז איז געווען ענג און היים. די טישען האָבען פארנומען די גאַנצע ווענט ארום, און אַ טומעל, אַ קלאַפּערייי, און אַ גערעדעריי, האָט אַנגעפילט דעם חדר. עס האָט געשמעקט דער פרישער אַנגענעהמער ריח פון פיש, וויין און האָניג. אַלע אויגען האָבען געלויכטען, די פּנים'ער געפלאַמט, די צינגער האָבען זיך אַפּגעשרויפט.

יותם איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג און ער האָט באַטראַכט דעם אויפגעלעבטען עולם, און עס האָט איהם איצטער אביסעל פארדראָסען, וואָס ער קאָן זיך ניט אויפמישען מיט די מענשען. נעבען איהם זיינען געשטאַנען צוויי עלטערע פרויען און האָבען צווישען זיך גערעדט. ער האָט זיך איינגעהערט.

— טייערע, מרים, — האָט איין פרוי גערעדט צו דער

צווייטער, א פרוי מיט א זעהר נידערשלאָגענעם אויסזעהן, וועלכע איז געשטאַנען א פאר'דאגה'טע, פארלייגט די הענט און געקוקט גלאט אין דער וועלט אריין — זאג מיר, מרים, פארוואס האט דיין זוהן ניט חתונה... ס'איז שוין צייט... ווי אלט איז ער?

די פרוי וואס האט גערעדט, האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, און איצטער זיך איינגעקוקט אין יענעם ווינקעל, וואו אין מיטען פון עטליכע יונגע מענשען, איז געזעסען א מאַן מיט א בלאַסען געזיכט, באוואַקסען מיט א באָרד און לאַנגע האָר.

יותם האט איצטער אויך געקוקט אין דעם ווינקעל, און אויך זיין קוק האט זיך אפּגעשטעלט אויפ'ן מאַן מיט'ן בלייכען געזיכט. ער האט צווישען די איבעריגע דערקאַנט שמעון'ן.

דאס איז ער, — דער מאַן פון נצרת, — האט ער א טראַכט געטאָן און גענומען זיך גוט צוקוקען צו איהם.

די פרוי האט אלץ גערעדט:

— זאג מיר, מרים, ער איז דאָך דיין עלטסטער קינד, פארוואס זעהסטו ניט, אז ער זאל חתונה האבען... שוין צייט... דבורה דער אלמנה'ס מיידעל, א שעהן קינד...

די פרוי מיט'ן פאר'דאגה'טען פּנים האט א זיפץ געטאָן:

— ער וויל דערפון ניט הערען... איך קאָן גאָרנישט העלפען, — האט זי געזאָגט אין א זעהר אומעטיגען טאָן.

— וויין, נאָך וויין! — האט אימעצער געשריען — עמינדב, מחותן! טראָג ארויף פון קעלער נאָך וויין!...

— שכורים, קאָנען אויסטרינקען דעם ירדן! — האט אַן עלטערער פישער, מיט א זעהר פארגרעבטען און, פון ווינט, רויטען פּנים, געוואָרטשעט, — דאָרטען איז שוין דאָ זבריה!...

— עס וועט באַלד זיין ווייז, — האָט איינער פון די מחותנים, אַ פאַרשוויצטער, אַ פאַר'עסק'טער איילענדיג גע־רעדט. — אַט טראַג איך באַלד אַרויף וויין.

יותם האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויפ'ן מאַן, וואָס איז איצטער געזעסען צווישען זיינע תלמידים.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס דער מאַן האָט מיט זיין אויסוועניגסטע דערשיינונג געמאַכט אויף איהם, איז געווע נים קיין אנגענעהמער: עס האָט אויף איהם אַ ווייהע גע־טאָן מיט קרענקליכקייט און גלייכגילטיגקייט, און ער האָט אויף אַ רגע אַזוי ווי געפיהלט, אַז עס איז גאָר נים כדי צו לעבען. אַ גרויקייט האָט אַלץ באַדעקט, און אַלץ איז ווי אָפּ־געשטאָרבען. אָבער צוקוקענדיג זיך אַביסעל בעסער, האָט דער ערשטער איינדרוק גענומען זיך אויסוועפּען, און פאַר איהם איז געוועזען, אַ מענש, ווי אַלע מענשען.

אויפ'ן ערשטען קוק האָט מען איהם געקאָנט אָננעהמען פאַר אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג, ווייל די טונקעל ברוינע באָרד, וואָס איז אין שפּיצען אָפּגעשטאָנען, האָט איהם פיעל עלטער געמאַכט, אָבער אין דער אמת'ן איז ער געווען פיל אינגער. אַלגעמיין האָט ער געהאַט דעם אויסזעהן פון אַ מענשען, וואָס איז זעהר פיעל אויף דער לופט, און וועלכער איז אין דער זעלבער צייט מיט אַ געוויסע עקשנות איבער־געגעבען אַן אידעע. די האָר פון קאָפּ, פון זיין שטענדיג אויסגעשטעלט אַנטקעגען דער זון, זיינען געווען פיעל העלער ווי די האָר פון באָרד. די הויט, ווי ביי אַלע מענשען, וואָס זיינען פיעל אויף דער לופט, איז געווען אַביסעל טרוקען, און די פאַרב פון געזיכט געלבלאַד. די נאָז, אַ לאַנגליכע, אַ ביסעל געבויגען, ליפּען פולע, און אויגען שוואַרצע און לאַנג־ליכע, וואָס האָבען אין זיך באַהאַלטען אַזאַ שרעקעדינקייט און אומבאַהאָלפענקייט. געקוקט האָבען די אויגען פאַר זיך מיט אַ פאַרגלעזערטען בליק, גלייך, ווי די אויגען פון אַ

מענשען, וואס ליידט פון אן אומהיילבארע קראנקהייט.

געזעסען איז ער ביים טיש, ווי א מענש, וואס האט דעם באוואוסטזיין, אז אלעמענס אויגען זיינען אויף איהם געווענדעט. דעריבער האט ער פון צייט צו צייט עפּעס גע־זאגט אין א זעהר שטילען און איידעלען וועג, און די, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, האבען אנגעשטעלט נאז און אויערען.

יהודה'ן איש קריות, האט יותם צווישען די תלמידים ניט געזעהן, אבער שמעון און זיין ברודער זיינען געזעסען פון דער רעכטער האנט. שמעון איז געווען זעהר צופרידען, און ער האט פון דער זייט געקוקט אויפ'ן מאן פון נצרת מיט אויגען פול טרייהייט און דערגעבענקייט. פון דער לינקער האנט זיינען געזעסען יעקב און יוחנן, די זיהן פון זבדי דעם פישער. אויך אייניגע יונגע פרויען זיינען ארום זיי געזע־סען. יותם האט באמערקט, ווי די רויטע מרים, דרעהט זיך אין יענעם ווינקעל ארום, און קוקט איינגעשפּארט אויף איהם, גלייך, ווי זי וואלט איהם מיט איהרע בליקען ווערען פארפיהרען.

שמעון האט דערזעהן יותמ'ן, און ער האט צו איהם פריינדליך געמאכט א צייכען מיט'ן האנט, אז ער זאל צו־קומען צום טיש, און דערווייל האט ער עפּעס אין דער שטיל געזאגט דעם מאן פון נצרת, וואס דערביי האט יענער אנגע־שטעלט אויף איהם זיינע גרויסע און מילדע אויגען.

אין מיטען האט זיך אחז אנגעדרעהט אן אויפגעלעבטער פונ'ם ווייז.

— נו, יותם? — האט ער איהם אנגעקוקט מיט שמייכ־לענדיגע אויגען.

— וואס, אחז?...

— וואס זאגסטו אויף מרימ'ן? — האט איהם אחז געפרעגט. און גלייך האט ער איהם עפּעס לאכענדיג אריינ־

גערוימט אין אויער.

יותמ'ס אויגען זיינען געוואָרען גרעסער, און ער האָט עפּעס גלאָט אין דער וועלט אַ זאָג געטאָן:

— דענקסט אַזוי?

— אחז ווייסט וואָס ער רעדט! — האָט אחז מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן און ער האָט זיך באַלד אַוועקגעדרעהט.

יותם איז געוואָרען אַביסעל אויפגערעגט. ער האָט דערפיהלט אין זיך און אַרום זיך די אַנוועזענהייט פון פרוי.

יותם איז צוגעגאַנגען צום טיש. ער האָט מיט די אויגען געזוכט דער רויטער מרים.

דער מאַן פון נצרת האָט איצטער גערעדט, און אַלע האָבען זיך איינגעהערט. שמעון איז אין גאַנצען געווען אַריינגעטאָן אין הערען איהם ריידענדיג, און פון איהם, ווע־מען ער האָט גערופען לעהרער, די אויגען ניט אַראָפּגע־נומען. דער יונגער יעקב, אויף וועמעס ליפּ, עס האָט זיך נאָר וואָס גענומען ווייזען דער ערשטער פּוך, האָט געדרעהט מיט די אויגען נאָך אַלע זייטען, און זיין אויסדרוק פון גע־זיכט האָט אַזוי ווי געזאָגט: איך ווייס פון גאָרנישט, אָבער ס'איז גאַנץ פרעהלאַך.

— דאָס איז מרים'ס זוהן, — האָט יותם געהערט אַ פרוי, וועלכע האָט זיך געשפּאַרט צום טיש עפּעס הערען. זאָגען צו דער אַנדערער. — עפּעס דערצעהלט מען פון איהם נסים.

— מרים'ס זוהן? — האָט די צווייטע פרוי אַרויסגע־שטעקט דעם קאָפּ און זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, אום זיך גוט איינצעקוקען אין איהם. — דו ווייסט, ער איז געראָטען אין זיין טאַטען... געדענקסט יוסף דעם סטאָלער?...

שמעון האָט עפּעס געפרעגט דעם מ א ן פ ו ן נ צ ר ת. יותם האָט ניט געהערט, וואָס ער האָט געפרעגט.

אבער ער האָט געהערט, וואָס דער ל ע ה ר ע ר האָט געענטפערט.

דער מאַן פון נצרת האָט גערעדט:

— אַזוי ווי אַ פויגעל, וואָס פליהט אין דער הויך, זעהט אבער גיכער די ערד ווי דעם הימעל, — אַזוי זיינען די כהנים, פּרושים און סופרים. פליהען אין הימעל און זעהען די ערד...

שמעון'ס אויגען האָבען אויפגעשיינט.

— וואָס זאָגט ער? וואָס זאָגט ער? — האָט די איד־דענע נייגעריג געפרעגט דער צווייטער, וואָס איז געשטאַנען נעהענטער.

— עפּעס וועגען אַ פויגעל... איך פאַרשטעה קיין וואָרט ניט, — האָט איהר יענע אָפּגע'פּטר'ט.

יותם האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז ער רעדט דורך אין משלים, און עפּעס זיינען איהם די רייד געווען באַקאַנט. וואו האָט ער עס שוין איינמאָל געהערט?...

אבער וואָס אַזוינס איז געלעגען אין דעם מענשען, וואָס האָט איהם צערודערט, איהם אַרויסגעשלאָגען פון זיין וועג.

ער האָט הינטער זיך געהערט אַחז'עס שטים, אַ געזונטע און זאַרגלאָזע. אַחז, האַלב שכור, האָט צו אימעצען גערעדט אין אַ באַפעהלענדיגען טאָן.

יותם האָט געפיהלט בחוש, אַז אַחז רעדט עס אַזוי צו מרים'ן, און אין האַרצען האָט עפּעס זיך געגומען פאַ־נאַנדערברייטערען אַ נאַגענדיגער באַגעהר. אבער ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט צו זעהן.

שפּעטער איז ער אַרוים אין דרויסען.

די לבנה האָט זיך נאָר וואָס, אַ רויטע ווי אַ געשייער־טער קופערנער בעקען, אַרויסגערוקט פּאַמעלאַך פון הינטער דער ערד, און איז ווי אַ פאַרגליווערטע מאַסקע געבליבען. ווי אַ צוגעקלעפּטע צום טונקעל בלויען גרונט פון הימעל.

אַן אומבאַשטימטע ליכט האָט זיך אַרום געשפּרייט. אין הויף און אין ווייַנגאָרטען האָבען זיך אַרומגעדרעהט מייד־לאַך און בחורים.

יותם איז געגאַנגען צווישען די געדיכטע, שמעקעדיגע ביימער און גראָזען, און אַ שאַרפע בענקשאַפט איז איהם באַ־פאַלען.

ער האָט באַלד אָנגעטראָפען אחז'ן. אחז איז פאַר עפּעס געווען אויפגעבראַכט.

— וואָס איז, אחז?

— זי נעמט פון איהם די אויגען ניט אַראָפּ.

— ווער, פון וועמען?...

— מרים.

— פון וועמען נעהמט זי די אויגען ניט אַראָפּ?

— פון איהם.

— ווער איז דאָס?

— אַ, דער מאַן פון נצרת.

יותם האָט געשוויגען.

— איך וועל איהם אַ ריפּ צעברעכען, — האָט אחז געזאָגט און ער האָט דערביי אויפגעהויבען זיין האַנט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען ווייזען, ווי אַזוי ער וועט עס טאָן.

— זיי רוהיג, אחז, — האָט צו איהם יותם ווייך גע־זאָגט. — קום, לאָמיר פאָהרען.

— איך מוז זי פריהער זעהן.

— געה, אָבער מאַך ניט קיין טומעל. איך וועל אויף דיר מיט די פערד וואַרטען ביים ברעג.

אחז האָט זיך אָוועקגעדרעהט, און יותם איז געגאַנגען, אָפּגעזוכט די פערד און זיי אַרויסגעפיהרט צום וועג.

יותם האָט מיט ליעבשאַפט געגלעט די גלאַטע, גלאַנ־ציגע האַלז פון זיין פערד.

אחז האָט זיך צוריקגעקעהרט אַ כעס'דיגער, אָבער ער

האָט גאַרנישט געזאָגט, און יותם האָט איהם גאַרנישט גע־פרעגט.

די צוויי האָבען באַשטיגען זייערע פערד און האָבען גע־נומען שניידען דעם קאַלט געגאָסענעם זילבער פון דער נאַכט.

יותם האָט זיך געפיהלט, ווי אַרויסגענומען פון זיין גע־וויינליכען לויף. עפּעס האָט היינט אין איהם דערוואַכט. וואָס ער האָט געמיינט, אַז עס איז שוין לאַנג טויט, און אויך האָט ער גענומען שאַרף פיהלען אַ ווידערווילען געגען דעם מאַן פון נצרת. עפּעס איז געלעגען אויף דעם מענשען אַזאַ שטעמפּעל, וואָס האָט איהם באַליידיגט און דערנידעריגט. עפּעס האָט פון איהם געוויי‏העט אַזאַ פריעד־ליכקייט, וואָס ווייהעט פון אַ בית עולם.

אחז האָט מיט אַמאָל דערלאַנגט אַ דריק זיין פערד מיט די פּיס אין זייט, און דאָס פערד האָט זיך דערלאַנגט אַ שטעל אויף די הינטערשטע פּיס, און דערנאָך דערלאַנגט אַ טראָג.

— יותם האָט איהם אַנגעיאָגט.

— וואָס איז, אחז?

— גאָרנישט.

יותם האָט איצטער געקוקט פאַר זיך אין דעם ווייסען געוועב פון דער נאַכט און האָט געזעהן דעם קלאָרען דורכ־זיכטיגען הימעל זיך אַראָפּלאָזען אויף דער ליניע פון בערג. וואָס האָבען זיך געצייכענט, רוהיג און שטיל, אויפ'ן גרונט פון האָריזאָנט. און ער איז מיט אַמאָל דורכגענומען געוואָרען פון אַזאַ אומהיימליכען ציטער, און עס האָט זיך איהם אויף אַ ווייַלע געדוכט, אַז דאָס קומט אַלץ פאַר אין חלום.

אחז האָט אַ געשריי געטאָן אויף זיין פערד, און דאָס פערד האָט גענומען טראָגען.

און ביידע רייטער, ווי געטראָגען פון ווינט, האָבען גע־שניטען די זילבערנע ווייסקייט פון דער נאַכט.

צווייטער קאפיטעל

דער פריידיגער

I.

איבער דער בארג־ליניע פון יהודה האט זיך געשפרייט א ווייכע, פאר׳חלום׳טע רוהיגקייט. א טיף־בלויער הימעל האט זיך פארטראכט געוועלבט איבער די יונגע, ווייט אויס־געצויגענע פעלדער, וואס זיינען פרידליך געלעגען אין ווייס־בלויליכען גאז געוויקעלט.

די זון האט זיך גענומען נויגען צו מערב זייט.

איבער׳ן וועג, וואס געהט פון גליל קיין ירושלים, איז געגאנגען יותם און האט, ווי א מענש, וואס געהט שפאצירען, באטראכט מיט א געוויסען פארגעניגען די פארשלייערטע לי־ניע פון בערג, וואס האט זיך פאר איהם אין דער ווייט פלאך געצייכענט. ער האט איינגעשפארט געקוקט אויף יענעם פונקט, וואו דער הימעל האט זיך פארבונדען אין א ווייכען איידעלען איבערגאנג מיט די אליוו־גרינע פעלדער.

אין דער ווייט, אזוי ווי אויף א לייוועגט, זיינען ארויפ־געשוואומען סילועטען פון קעמלען און מענשען, וואס האבען זיך פאמעלאך געצויגען אויף דעם ליכטיגען גרונט פון הי־מעל.

יותם, וואס האט אזוי רוהיג געשפאצירט איבער׳ן וועג איז געוועזען שעהן און קרעפטיג געבויט. א שעהן־געשניטע־

נער קאָפּ איז פריי געשטאַנען אויף די ברייטע אַקסלען. זיין געזיכט איידעל, די נאָז און ליפּען פיין געשניצט. זיינע אויגען גרויסע און טיפע האָבען, אַהן וועלכען עס איז שאָטען פון זאָרג, געקוקט פאַר זיך. אַ פיינפילענדיגע רוהיגקייט און געמיטליכקייט האָט זיך געשפּרייט איבער זיין גאַנצער פיגור. כאָטש פון צייט צו צייט פלעגט זיין געזיכט אַננעמען אַן אויסדרוק, גלייך ווי ער וואָלט באַלעבט געוואָרען מיט אַמאָל פון אַ פּלוצלינג נעקומענעם געדאַנק.

דערנעהענטערענדיג זיך צו די ברעגען פון דאָרף, האָט ער באַמערקט פון וויטען אַ גרויסע ראָד מענשען ביים אריינגאַנג אין דאָרף.

ער איז פּאַמעלאַך געגאַנגען, און דערווייל באַטראַכט דעם אויפגעלעבטען עולם.

צוקומענדיג נעהענטער, וואו ער האָט שוין געקאַנט אונטערשיידען און דערקאַנען געזיכטער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

אַ ווייכער, קינדערשער שמייכעל האָט באַרירט זיינע ליפּען:

— ווידער דער פ ר י י ד י ג ע ר פ ו ן נ צ ר ת...

און זיינע ברעמען האָבען זיך אביסעל שטרענג אויפגעהויבען.

באַלד האָט ער זיך אויסגעמישט מיט'ן עולם.

אויף אַ בערגעל פאַר'ן דאָרף איז געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ קינדעריש בלייכען געזיכט, אין וועלכען עס האָבען אַרומגעבלאַנדזשעט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגען. די צעגויפגעדרעהטע לאַנגע, טונקעלע האָר פון קאָפּ, האָבען זיך, מיט'ן לייכטען בלאָזען פון ווינטעל, געהויבען נאָך אַלע זייטען, ווי צו פאַנאַנדערפליהען. די שוואַרצע, שיטערע און עקיגע באָרד איז, ווי אין קלינעם אָפּגעשטאַנען. ער האָט

גערעדט צום עולם, דערביי האָט ער שוואַך באַוועגט די הענט און קאָפּ.

גערעדט האָט ער שטיל, מיט אַ ווייכער, אַנגענעמער שטים, אָבער אַהן לעבען: — איינטאָניג. פונדעסטוועגען איז אין דעם קלאַנג און ווייכקייט פון זיין קול און גאַנ־צער דערשיינונג עפּעס געלעגען אַזוינס, וואָס האָט די צוהער־רער צו זיך געצויגען.

דער רעדנער איז זעהר אַפּט איבערגעשלאָגען געוואָרען אין מיטען פון די פּאַרזאַמעלטע. אייניגע האָבען איהם גע־שטעלט פראַגען.

אַ יונגער בחור'ל, מיט גרויסע אומרוהיגע אויגען, האָט זיך אויסגעצייכענט דערמיט, וואָס ער האָט דעם רעדנער נאָכאַנאַנד איבערגעשלאָגען.

יותם האָט מיט קינדערשער נייגעריגקייט באַטראַכט דעם פאַרשיידענאַרטיגען געזאַמעל און זיין קוק האָט זיך אָפּ־געשטעלט אויפ'ן קאָכעדיגען בחור'ל. אַ גוטמוטיגער שמיי־כעל האָט זיך געשפּילט אין די ווינקלען פון זיין מויל.

— חנניה דעם וויין־הענדלערס זוהן, — האָט ער שטיל געזאָגט. — אַה, ווי אויסגעוואַקסען.

קליינע איינגלאַד האָבען זיך צווישען די פיס געדרייט און אַנגעמאַכט אַ געשריי און אַ טומעל. עטליכע ווייבער מיט קערב אויף די אַקסלען, האָבען צווישען זיך גערעדט. און דערביי געשאָקעלט נאָכאַנאַנד מיט די קעפּ.

— דו הערסט, דו הערסט, וואָס ער זאָגט, — האָט איין פרוי דער אַנדערער געשפּאַרט מיט'ן עלענבויגען. — „די אָרימע וועלען געטרייסט ווערען"... אַך, ווי דערלעבט מען עס!... און זי האָט שוואַך אָפּגעזיפצט.

— ס'איז מעהר ניט ווי געזאָגט, — האָט אַ צווייטע פרוי געמאַכט צו גאַרנישט. — אַלע ריידען זיי אַזוי...

א מאן פון א יאהר פערציג, מיט א געדיכטער רויטער באָרד, האט געלאכט אויפ'ן קול:

— ס'געהערט? „גרינגער פאר א קעמעל דורכצוגעהן א לעכעל פון א נאָדעל". — ווי געפעלט עס אייך? !...

— לאָז ניט אזוי מיט דיין געזונטען קול! — האט אימיצער זיך צו איהם בייז געווענדט. — לאָז הערען!...

דעם רעדנערס שטימע האט זיך געהערט. ער האט גע־רעדט:

— אין גאָט'ס הויז האבען זיך חלפנים און מעקלער באַ־זעצט. דאָס פאָלק ווערט פון אלעמען באַטראָגען. ווער עס האט מאכט נוצט אויס די מאכט. און מאכט האבען די בלוטדורשטיגע צעזאָרען און די רויבערישע קעניגען פון יהודה. דאָס פאָלק ליגט צו די טריט פון א ריזיגען שלאַנג... וועה צו דעם דור, וואָס האט קיין גלויבען ניט!... איך בין גע־שיקט צו אייך, קינדער פון ישראל, פון דעם פאָטער אין הימעל צו פאַרקונדיגען די הימלישע קעניגרייך. איך בין דער שליח וואָס איז געקומען פאר אייך אויפצוהויבען דעם פאַרהאַנג, וואָס טיילט אָפּ אונזער ערדישען זיין פון דעם אייביגען לעבען אין א וועלט פון ליכט... וואויל צו די אָרעמ־גייסטיגע, — ווייל צו זיי באַלאַנגט די קעניגרייך פון הימעל...

דער יונגער בחור'ל מיט זיין קלינגענדיג שטים האט ווידער איבערגעריסען דעם רעדנער. ער האט הויך אויפ'ן קול געפרעגט:

— און וואָס וועט זיין מיט די גייסטרייכע?... וואוהין וועלען זיי געהן?... זיינען זיי דען שולדיג, וואָס דורך דעם ווילען פון גאָט זיינען זיי אזוי באַשטימט צו זיין?...

— גוט געזאָגט! — האט דער רויטער געקלאַפּט מיט די הענט.

— פרעג ווידער. — האָט אַ צווייטער געמוטיגט דעם בחור'ל.

דער רעדנער האָט אויפגעהויבען די אויגען, אויפגע־עפענט דעם מויל צו ענטפערען. נאָר אַ פּלוצלינג אויסגע־בראָכענער געשריי פון די קינדער, האָט איהם ניט געלאָזט ווייטער ריידען.

די קינדער האָבען זיך מיט עמיצען גערייצט און גע־שריען:

— שמעון דער פּישער! שמעון דער פישער!... גע־כאַפּט אַ פולע פיש?...

פון דער זייט, וואו דער רעדנער איז געשטאַנען, האָט זיך ארויסגערוקט אַ מאַן מיט אַ בלייך געזיכט און מיט גרוי־סע גלאַנציגע אויגען, מיט אַ שפּיציג בערדעל און האָט מיט אַ הייזעריגען קול זיך גענומען בייזערען:

— לאָזט ריידען, שלאָגט ניט איבער!

און די קינדער האָבען געשריען:

— געה כאַפּען פיש, שמעון! געה כאַפּען פיש, שמעון!...

דער, וועמען די קינדער האָבען אָנגערופען שמעון, איז געוואָרען בלייך פאַר כעס און אויפרעגונג. זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט, ער האָט גענומען שרייען:

— שרצים! קליין און גרויס, — איהר ווילט ניט הער־רען גאָט'ס שליחות!...

די אינגלאַך און אייניגע דערוואַקסענע, האָבען אויפגע־הויבען נאָך אַ גרעסערען טומעל. דער רעדנער איז געשטאַ־נען ווי ניט איהם מיינט מען. ער האָט מיט די ארומבלאָנ־דזשענדיגע אויגען געקוקט ערגעץ אין דער ווייט, אַזוי ווי ער וואָלט קיינעם ארום זיך ניט געזעהן.

יותם איז צוגעגאַנגען צו שמעון'ען און האָט איהם פון הינטען אַ ציה געטאָן פאַר'ן קלייד.

שמעון האָט זיך אַ צעשראָקענער אפּגעקערט, און איז

נעבליבען שטעהן מיט ברייט פאנאנדערגעעפענטע אויגען. ער האט געמורמעלט:

— יותם?...

דער, וועמען ער האט אנגערופען יותם, האט אויף איהם געקוקט מיט א גוטען שמייכעל. ער האט געזאגט:

— וואס, שמעון, ניט געריכט זיך מיר דא צו טרעפען?...

שמעון האט, ווי ניט איילענדיג, געענטפערט:

— דעם אמת געזאגט, — ניין!

יותם האט גוט־ברודעריש ארויפגעלייגט די האנט אויף שמעונ׳ס אקסעל און געזאגט:

— און דו שלעפסט זיך נאך אלץ ארום מיט׳ן מאן פון נצרת?...

— ווי דו זעהסט, — האט שמעון געזאגט, און ער האט זיך באלד גענומען קלאגען פאר יותמ׳ען, אז די ווייסע חברה׳ניקעס גיבען זיי קיין רוה ניט. זיי לויפען זיי נאך און שטערען די פארזאמלונגען.

יותם האט גוטמוטיג געשמייכעלט:

— וואס קען מען טאן? — קינדער...

שמעון איז געווען צעטראגען. ער האט עס ניט געוואלט פארשטעהן.

— און ווי איז ער? — האט יותם געפרעגט, וויי־זענדיג מיט די אויגען אויפ׳ן רעדנער.

— דער זעלביגער, וואס אמאל: פול מיט היילינגען גייסט.

יותם האט איראניש א שמייכעל געטאן.

שמעון האט איהם מיט באדויערונג אנגעקוקט.

— און דו גלויבסט נאך אלץ ניט? — האט ער גע־פרעגט.

יותם האט דורכדרינגענדיג א קוק געטאן אויף שמעונ׳ען.

געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. האָט נאָר געזאָגט:

— וועגן דעם, שמעון, — אַ צווייטן מאָל... איצטער, שמעון, טו מיר אַ טובה און ווייז מיר אָן, וואו יהודה איש־קריות איז.

— יהודה איש־קריות? — האָט שמעון אַ זאָג געטאָן און געטראַכט פון עפּעס אַנדערש, ווייל ער האָט זיך באַלד געכאַפּט און נאָך אַמאָל איבערגעזאָגט: יהודה איש־קריות. זאָגסטו?... אויף וואָס דאַרפסטו איהם?... שמעון האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז אפשר געווען ניט אין פּלאַץ צו פרעגן, וואָס ער באַדאַרף יהודה'ן, און ער האָט אַביסעל פאַרלאָרען אַנגעהויבען: יהודה'ן ווילסטו?... וואַרט אַ ווײַלע, איך גיה איהם שיקען....

און שמעון האָט זיך פאַרלאָרען צווישען עולם.

יותם האָט דערווייל באַטראַכט דעם רעדנער.

דער מענש, וואָס איז געשטאַנען אויפ'ן בערגעל איז איהם געווען ניט פרעמד: ער האָט איהם שוין אַנגעטראָפען איינינע מאָל. ער האָט זיך מיט איהם באַגעגענט אין כפר־נחום ביי שמעונ'ן אין שטוב. דאָס איז געווען דער־מאָלט, ווען שמעון האָט איהם איינגעלאַדען, און איהם אין דער שטיל געזאָגט, אַז ער וועט זיך באַגעגענען מיט'ן געט־ליכסטען מענשען, וואָס האָט ווען געלעבט, דערנאָך האָט ער איהם באַגעגענט אין פאַרשיעדענע ערטער אין גליל. און יע־דעם מאָל וואָס ער האָט איהם געזעהן, האָט דער דאָזיגער מענש אויף איהם געמאַכט אַזאַ מאָדנעם, אומהיימליכען איינדרוק. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ געפיהל, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיט אַמאָל איבערגעטראָגען אין אַ וועלט פון קרענקליכקייט, אין אַ וועלט, וואו אַלע תאוות און פאַרלאַנ־גען זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען.

און איצטער, ווי דעמאָלט, איז ער אָנגעגריפען געוואָרען

פון אן אפטויטענדיגע אײנטאניגקײט, וואס האט געאטעמט פון דעם מענשען. אין דער מינוט האט ער געהאט דעם אײנ־דרוק, ווי אלץ וואלט מיט אמאל אפגעשטעלט דעם אטעם. און א טויטע רוהיגקײט וואלט זיך אויף אלץ און אלעמען פארשפרײט.

ער האט באטראכט דעם רעדנער, און ער האט נאר באַ־מערקט ,אז פאר דער צײט, וואס ער האט איהם ניט געזעהן. איז ער שטארק פארעלטערט געווארען: די האר פון קאפ און באַרד זײנען שיטערער געווארען, די הענט מאגערער, און ארום די אויגען האבען זיך שווארצע רינגען אויסגעשפרײט. און דער אויסדרוק פון געזיכט איז אינגאנצען פארבלײכט געווארען: גארנישט אויסגעדריקט.

ער האט זיך צוגעהערט צו וואס דער רעדנער האט גע־רעדט, און עס איז איהם פארגעקומען, אז ער האט דאס זעלביגע פון איהם שוין אײניגע מאל געהערט רײדען, אין דעם זעלבען פרומען און שטילען טאן. און ער האט זיך דער־מאנט אן יענער נאכט, ווען ער האט איהם צום ערשטען מאל באגעגענט אויף דער חתונה אין קנה בײ עמינדב׳ן אין הויז. און גלײכצײטיג האט ער געזעהן אחז׳ן אז אויפגערעגטען און אויך מרים׳ן ווי זי איז געשטאנען פאר׳ן טיש און מיט א האלב אויפגעעפענטען מויל און גרויסע אויגען זיך צוגעהערט, וואס ער האט דעמאלט גערעדט.

— יותם, — האט ער געהערט זײן נאמען הינטער זיך. ער האט זיך אפגעקערט:

אנטקעגען איהם איז געשטאנען א מאן אין זײן עלטער מיט קלוגע און אומרוהיגע אויגען, מיט א לײכטע איראניע ארום די שײן געשניטענע ליפען.

— יהודה!

— פרידען צו דיר, יותם, — האט איהם יהודה שמײכ־לענדיג באגריסט.

יותם האָט געענטפערט מיט „פרידען צו דיר, יהודה“, און צוגעגעבען, אַז ער איז דאָ צופעליג פאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך אַן איהם דערמאַנט.

יהודה האָט איהם אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט איהם וועלען דורכדרינגען. ער האָט געפרעגט:

— ווילסטו מיט מיר עפּעס ריידען, יותם?...

יותם האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט:

— אויב דיר וועט ניט פאַלען צו לאַסט מיך אַביסעל צו באַגלייטען, וואָלט מיר זעהר זיין אָנגענעהם מיט דיר זיך אַביסעל דורכשמועסען.

יהודה האָט אָנגערוקט די שווערע, שוואַרצע ברעמען און האָט, ווי אָהן חשק געזאָגט:

— גוט, איך וועל דיך באַגלייטען.

ביידע האָבען זיך אומבאַמערקט אַרויסגערוקט פון עולם און האָבען זיך געלאָזט געהן מיט'ן וועג.

II.

ביידע האָבען צום אָנהויב געשוויגען: איינער האָט, ווי עס ווייזט אויס, געוואַרט אויפ'ן צווייטען, אַז ער זאָל אָנהויבען דער ערשטער.

יותם איז געגאַנגען און האָט פון עפּעס געטראַכט. איהם איז געווען שווער צו זאָגען יהודה'ן, דאָס וואָס ער האָט איהם געהאַט צו זאָגען.

נאָכדעם, ווי זיי האָבען זיך דערווייטערט פון געזעמעל אויף אַ היבשען שטח און דער טומעל איז ביסלאַכווייז אָפּגעשטאָרבען, האָט יותם נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף אַהינ־

טער, גלייך ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגען, צו אימי־
צער פאָלגט זיי ניט נאָך.

זעהענדיג, אַז זיי זיינען אליין אויפ'ן וועג, האָט זיך
יותם געווענדט צו יהודה'ן, וואָס איז געגאַנגען ביי זיין זייט
און געקוקט פינסטער אין דער וועלט אריין, און האָט איז
געצוויגענעם, פעסטען טאָן אַנגעהויבען:

דערקלער מיר, יהודה, איין סתירה... דאָ האָט ער זיך
ווידער אָפּגעשטעלט, גלייך ווי ער וואָלט זיך מישב געווען,
צי ער זאָל ווייטער ריידען. דערנאָך האָט ער ווייטער גע־
רעדט: ווי ווייט איך קאָן דיר, יהודה, — און מיר קאָנען
זיך אַ לאַנגע צייט, צוזאַמען אין הלל'ס ישיבה געלערענט.
— ווייס איך, אַדער אַזוי בין איך געווען אונטער'ן איינ־
דרוק אַז דו ביזט קיינמאָל ניט געווען איבעריג גענייגט צו
דער לעהרע פון גרויסען הלל. יענע מענשליכקייט, איינפאַכ־
קייט, גוטסקייט, וואָס האָט ארויסגעשטראַמט פון דעם גרוי־
סען גייסט, איז צייטענווייז געווען דערווידער דיין אויפ־
פאַסונג פון זאַכען... דו, פאַרקערט, פלעגסט אַלע מאָל טענה'ן,
אַז די לעהרע איז ניט מענשליך. עס איז נאָר פראַזען, האָ־
בען נאָר זייער פּלאַץ אין בית־המדרש, אָבער ניט אין ווירק־
ליכען לעבען... מיט אַמאָל טרעף איך דיך צווישען אַזעלכע
מענשען זיך ארומדרעהען, וועמעס פיהרער, לעהרער, איז אַ
מענש, וואָס פריידיגט נאָך פיעל שטאַרקער און פאַרביסענער
יענע לעהרע, וואָס דו פלעגסט אַמאָל פאַרשפּאָטען... דער־
קלער מיר, יהודה, וואָס מיינט דאָס?!...

יהודה האָט גלייך ניט געענטפערט. ער האָט געקוקט
פאַר זיך און געזעהן, ווי ביים הימעל־ראַנד האָבען זיך גע־
צויגען שווער באַלאַדענע אייזלען און קעמלען, און ער האָט
געטראַכט פון דעם, וואוהין דער קאַראוואַן קאָן זיך ציהען.
באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגען און
אַ בייזער שמייכעל האָט מיט אַמאָל זייגע ליפּען פאַרקרימט.

— שווער צו דערקלערען. — האָט יהודה צווייִדייטיג געשמייכעלט. — און אויב דו ווילסט, אַז ניטאָ וואָס צו דערקלערען...

יותם האָט אויף איהם שטרענג אַ קוק געטאָן.

— עפּעס פאַרבאָרגסטו פון מיר, יהודה, — האָט יותם איהם אָנגעקוקט.

יהודה האָט געלאַכט:

— איך האָב ניט וואָס צו פאַרבאָרגען, יותם... אויב דו ווילסט וועל איך דיר דערצעהלען, ווי אַזוי עס האָט גע־טראָפען, וואָס איך האָב זיך אָנגעשלאָסען אָן דער באַנדע אַרומשלעפּער.

יותם האָט אָנגעשטעלט די אויערען.

יהודה האָט גערעדט:

— מיט יאָהרען צוריק האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט אין גליל... ס'איז מיר געווען זעהר אומעטיג אויפ'ן האַר־צען. מיין מוטער איז נאָר וואָס געשטאָרבען. און איך בין געבליבען אין מיטען דערינען איינער אַליין. עס איז אויך ניט געווען דער טויט פון מיין מוטער, וואָס האָט מיר אַזוי נידערשלאָגען. איהר טויט האָט מיר, אויב דו ווילסט, באַפרייט פון אַ לאַסט, — אָבער פונדעסטוועגען האָט מיט מיר אַזוינס פּאַסירט, וואָס האָט מיין לעבען אויף צוויי־ען צעריסען. און איך בין אַריינגעפאַלען אין אַ פינסטערע מרה־שחורה... צו יענער צייט האָט זיך געוויזען אַ מענש, אַ האַלב־ווילדער, וואָס איז אַרום געלאָפען אין מדבר אַ האַלב־נאַקעטער און האָט מיט ווילדען כעס אַלעמען געפלוכט און געשטראָפט. — יוחנן האָט ער געהייסען... דאָס פאָלק האָט איהם אָנגענומען פאַר אַ נביא, אַזוי איז דאָס שוין שטענדיג מיט'ן פאָלק: ווער עס שילט איהם, יענעם האַלט ער פאַר אַ נביא... אָט דער יוחנן האָט מיך נאָך מעהר צע־רייצט, און מיין נשמה פאַרזונקען אין אַ תהום... אַלע, אַלע

יאגען אויף אונז א שרעק... אלע, אלע שרעקען אונז מיט אונטערגאנג. און דאס איז געווען דעמאלט, ווען מיין לע־בען האט א שארפע ווענדונג גענומען: יענע פרוי, וועלכע איך האב אזוי שטארק געליעבט, איז מיר אומטריי געווארען. — און איך בין געבליבען איינער אליין מיט א שארפען וועה־טאג אין הארצען. איך האב ניט געוואוסט, וואס צו טאן מיט זיך, — קורץ, מיר איז געווען לאנגווייליג. איך האב גענומען טראכטען פון פאהרען אין אלעקסאנדריע, אדער ערגעץ אנדערש... איינמאל האב איך אנגעטראפען אין דארף כפר־נחום א גרויסע פארזאמלונג פון מענער און פרויען, וועלכע זיינען אלע געווען, דוכט זיך, פון עפעס אויפגערעגט. אין מיטען איז געשטאנען א מענש פון א יאהר עטליכע און דרייסיג און האט גערעדט צו די ארום פארזאמעלטע, און איך האב צוגעליינט אן אויער.

דער מענש איז געווען ישוע יוסף דעם סטאלער'ס זוהן, ווי עס האבען איהם איינינע פון זיינע תלמידים פון דעם זעלבען געגענד אנגערופען. אלע האבען איהם, דאכט זיך געקאנט, און פונדעסטוועגען האט קיינער אויף ריכטיג ניט געוואוסט, ווי אזוי און פון וואנען ער איז מיט א מאל פון ערגעץ ארפגעפאלען. קיינער האט פון איהם ביז א קורצע צייט ניט געהערט... ער האט דאס גרעסטע טייל פון זיין לעבען געוואנדערט... יע, וואס האב איך געוואלט זאגען... ער איז געשטאנען אין מיטען און גערעדט צום עולם. איך האב זיך איינגעהערט. זיין ארט ריידען איז מיר ניט גע־פעלען געווארען. ער האט גערעדט אפגעהאקט און אהן וועלכען עס איז צעזאמענהאנג. געגעבען קינדערשע משלים — און איינגאנצען האט ער גערעדט אהן וועלכער עס איז לאגיק... נאר דאך האט מיך עפעס צו דעם מענשען געצוי־גען... דער מענש איז מיר אפטמאל דערווידער. נאך מיין מיינונג איז ער א קרענקליכער מענש מיט א זעהר עמפפינד־

ליבער אייגענליעבע און איז באַהערשט פון אַ געוויסע אידעע, צי פון אַ מאַניע. און דאָך... קורץ: זאָגען דיר דעם אמת, ווייס איך אַליין ניט אויף קלאָר, וואָס איך הענג דאָ ארום דער באַנדע!...

יהודה איז מיט אַמאָל אנשוויגען געוואָרען. ער האָט מיעד און ענטוישט געקוקט פאַר זיך, גלייך ווי עס וואָלט איהם פאַרדראָסען אויף דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס דער־צעהלט. אין דער שטיל האָט ער עפּעס צו זיך אַליין אונ־טער'ן נאָז געברומט אַזעלכעס, וואָס האָט געקלונגען פרעמד און אומפאַרשטענדליך.

— און אַט דאָס, וואָס מיר געפעלט ניט, יהודה, — האָט יותם געמאַכט אַן אומצופרידענע מינע. — איך קאָן דעם מענשען. מיר זאָגט דאָס הארץ, אַז ער וועט שפּילען אַ טרויעריגע ראָלע אין אונזער לעבען...

ביידע האָבען געשוויגען.

יהודה האָט צענויפגעצויגען די ברעמען. זיין געזיכט איז געוואָרען שטרענג. ער האָט גערעדט:

— מיר לעבען איצטער אין אַ זעהר אומרוהיגער צייט. דאָס לעבען פון פאָלק איז צעבראָקעלט. אַ פרעמדער גייסט און אַטעם איז אריינגעבראַכט געוואָרען אין לאַנד פון דרויסען: פון איין זייט די גריכען, פון צווייטען — די רוימער. דאָס אידענטהום ווערט געדריקט פון צוויי זייטען. מיר זיינען איינגעשפּאַרט צווישען צוויי שטיינערנע ווענט. אַט די צוויי דראָהען אונז צו פאַרניכטען... אינוויינינג שנאה, קנאה... פון דרויסען, צוויי ווילדע שטראָמען, געטריבען פון אַן אונמענשליכע קראַפט גלייך אויף אונז... און אויב עס זאָל אזוי לענגער אָנהאַלטען וועט יהודה געהן צו גרונט און פון ירושלים וועט ווערען אַ באַרג שטיינער... אזוי האָב איך געפיהלט, און אזוי האָב איך געזעהן. און גאַנץ נאַטירליך, האָב איך, ווי יעדערער פון אונז, געגאַרט נאָך אַ מענשען,

וואס זאל אונז קאנען אנווייזען די סכנה פון דער לאגע...
ער איז געקומען, איך האב זיך צוגעהערט צו זיינע רייד...
אלע זיינע רייד ווענען הימלישען קעניגרייך, זיינען ניט ווערט קיין פרוטה, — מליצה!... דאס איינציגע, וואס מיר איז געפעלען געווארען אין דעם מענשען איז זיין מוטיגע שטעלונג געגען די יעניגע, וואס לעבען אויף דעם פאלקס רעבענונג... נאר, יותם, אויך אין דעם בין איך אנטוישט... עס איז ניט דאס, וואס מיר האט זיך געדוכט... עפעס אנדערש!... עפעס אנדערש!...

יהודה איז אנשווייגען געווארען. ער האט פון דער זייט געקוקט אויף יותם'ען, וועלכער איז זיך רוהיג געגאנגען און געקוקט פארטראכט אין דער ווייט.

יותם האט מיט אמאל איבערגעצויגען די האנט איבער'ן שטערן, אזוי ווי ער וואלט פון דארטען וועלען אראפמאכען א הויט, וואס האט זיך פארצויגען. דער נאך האט ער אנגעהויבען:

— דער מענש, וואס שטעהט דארטען און רעדט, — און ער האט מיט די אויגען געוויזען נאך יענער זייט, פון וואנען זיי זיינען נאר וואס אפגעגאנגען, — אט דער מענש איז א געפעהרליכער. ער וועט ברייינגען אומגליק אויף דער וועלט. ער אליין איז אומשולדיג: ער מיינט עס ניט. ער איז באזעסען פון אזא קראנקהייט און ווערט פארצערט פון אזא פיבער. אין זיין גאנצער לעהרע איז ניט אנצומערקען איין געדאנק, וואס זאל זיין געגרינדעט אויף דער מענשליכער מעגליכקייט צו פארווירקליכען אט דעם געדאנק. זיין לעהרע, אלס אזעלכע, דערלאזט ניט קיין וועלכע עס איז מעגליכקייט, אז דער יחיד זאל זיך אין איהר פיהלען אלס דער טרעגער פון זיין אייגענעם לעבען... א לעהרע אהן א טראפען בלוט און לעבען; א לעהרע, וואס רויבט פון די מענשען די בעסטע מתנה — צו זיין גוט און הנאה האבען

פון דער אייגענער גנטסקייט... און מאָרגן: אין דער זעל־ביגער צייט איז זיין לעהרע איינגאַנצען געבויט אויף אומ־ענדליכע ליעבע און גוטסקייט... ס'איז אַן אויגען־נאַרעריי, — אַ שווינדעל...

יותם האָט זיך אָפּגעשטעלט, פון עפּעס אַ טראַכט גע־טאָן און דערנאָך ווייטער גערעדט:

— אַן אויגען־נאַרעריי, אַ שווינדעל... די גאַנצע לעהרע שטימט ניט מיט דער מענשליכער פאַרשטענדעניש און אויפ־פאַסונג פון גוט און בייז. עס איז קעגען זיין בלוט... אַזאַ לעהרע איז אָפּט אַ געפאַהר. די געפאַהר ליעגט אין דעם:

— אויב די לעהרע זאָל געפינען אַן ערנסטען אָפּקלאַנג צווי־שען דער באַפעלקערונג, — און אַזעלכע לעהרעס זיינען אַנ־שטעקענדיג, — דעמאָלט ווערט אריינגעטראָגען אין די אָדע־רען פון פאָלק אַזאַ אומרוהיגקייט, אַזאַ צעטריימלונג, וואָס קאָן זיך זעהר שלעכט אָפּרופען אויף דעם לויף פון אַלגעמיי־נעם לעבען... אָט דאָ ליעגט די סכנה!...

יותם האָט אויסגעלאָזען מיט אַ העכערען טאָן, אונטער־שטרייכענדיג די לעצטע ווערטער.

יהודה האָט איהם אָנגעקוקט און קורץ געפרעגט:

— צו וואָס פיהרט דאָס אַלץ?...

יותם האָט איינפאַך געענטפערט:

— איך האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגען, אַז עס איז גלייַ־כער, אַז דו זאָלסט איהם פאַרלאָזען.

יהודה האָט געשמייכעלט:

— דו ביזט נאָך דערזעלביגער וואָס אַמאָל: — רוהיג פילאָזאָפיש, — אָבער איך בין אַן אַנדערער געוואָרען!... פאַר דיר איז נאָך אַלץ די גלייכגעוויכט פון אַלע מענשליכע תאוות און פאַרלאַנגען איינע פון די בעסטע ברכות. — אָבער, יותם, עס איז דאָך אומעטיג און לאַנגווייליג!..

יותם האָט אויף איהם געקוקט, געוואָלט עפּעס אין זיין

געזיכט אפּזוכען. איהם האט זיך אלץ געדוכט, אז יהודה איז ניט אויפריכטיג.

יותם האט א ציה געטאָן מיט די אקסלען:

— לאַנגווייליג?...

— יע, לאַנגווייליג, — האט יהודה אין זעלביגען טאָן גערעדט. — דאָס לעבען ווערט שווערער פון טאָג צו טאָג... מיין גייסט איז אומרוהיג... איך מוז עפּעס טאָן אַזעלכעס, וואָס זאָל מיך אַפּציהען פון דער נארישער פוסטקייט... די איינציגע רפואה, וואָס איך האב אויסגעפונען איז — וואַנדערען... אט, יותם, האב איך זיך צוגעשלאָגען צו דער באַנדע און מיר וואַנדערען: וואו מיר טאָגען, דאַרטען נעכטיגען מיר ניט... מען וואַנדערט!...

אין דער צייט, וואָס זיי האבען צווישען זיך גערעדט, האבען זיך די ווייכע אווענט־שאָטענס אַנגערוקט: עס האט גענומען טונקלען.

ווען יהודה האט גערעדט האט יותם געקוקט אויף דער פאַרגעהענדיגער זון, און אין הארצען האט איהם עפּעס דערלאַנגט א ציה: א געפיהל פון טרויער האט איהם אנגעכאַפּט.

און אין דעם טאָן פון דער גאַנצער שטימונג האט זיך איהם אין ווערטער אויסגעשמידט:

— און אזוי פאַרגעהט דער טאָג...

ווען יהודה האט געענדיגט, האט יותם נאָר געזאָגט:

— איך פאַרשטעה, איך פאַרשטעה, יהודה...

יהודה׳ס געזיכט האט זיך פאַרצויגען מיט א וואָלקען. זיינע אויגען האבען מיעד און פיינדליך געקוקט אין דעם איינטאָניגען געוועב פון דעם פאַרנאַכט און זיין געזיכט האט אנגענומען אן אומצופרידענע און דערעקליכע מינע. וואָס האט אזוי ווי גערעדט, אז דאָס, וואָס ער הערט און זעהט, האט איהם שוין ביז׳ן טויט דערעסען.

ער האָט זיך מיט אמאָל אַ קער געטאָן צו יותמ'ען און מיט אַ הייזעריגער שטימע אָפּגעהאַקט געזאָגט:

— נעם איז פרידען, יותם, — איך מוז איילען!...

און ניט וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָט ער גיך אַנ־געהויבען צו געהן אין דער אַנדער ריכטונג.

יותם האָט איהם נאָכגעקוקט. זיינע אויגען האָבען נאָכגעפאָלגט די פאַרשווינדענדיגע פיגור, אָבער, זיי האָבען גאָרנישט געזעהן, אויסער עפּעס אַ פאַרבלאָזען געוועב. ער האָט געקוקט אויף די שפּיצען בוימער און אויף די ווייכע אָפּצייכנונגען פון די טונקעל־בלויע בערג ביים ברעג הימעל, אָבער ער האָט ניט געפיהלט, אַז ער זעהט עס אַלץ. אַ טיע־פער, נאָגענדיגער טרויער האָט גענומען צייטיג ווערען אין זיין האַרצען.

— און צו וואָס? — האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט, אַליין ניט פיהלענדיג, אַז ער האָט עפּעס געזאָגט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט:

די טונקעלקייט האָט זיך געדיכטער געוועבט. עס האָ־בען גענומען בלייכען די רייכע פאַרבען, געשפּיעלט אויפ'ן ברעג הימעל. אַן אַנגענעהמע שטילקייט האָט זיך אַרום גע־שפּרייט.

— יעדערער געהט זיין באַשטימטען וועג, — האָט יותם אַ זאָג געטאָן און האָט גענומען געהן גיכער.

III.

אַ צייט נאָכדעם, ווי יותם האָט זיך באַגעגענט אויפ'ן וועג מיט יהודה איש־קריות, איז ער אין אָוונט געלעגען

אויסגעצויגען אויפ'ן גראז ביי זיך אין וויינגארטען און גע־קוקט אין דעם טיעף־טונקעלען הימעל.

קוקענדיג אין דעם ריינעם געוועב פון הימעל, האט ער זיך אליין ערגעץ וואו פארלארען אין דער גרויסער אומענד־ליכער הויכקייט: ער האט זיך אליין ניט געפיהלט. ער האט זיך ווי אויפגעלייזט און ערגעץ וואו פארפאלען געווא־רען.

דערנאך האט ער א טראכט געטאן, אז זיין אייביג, מיינט גארניט זיין: אט האט ער זיך אויף א ווייל׳ע אויפ־געגאסען מיט דער גרויסקייט, און ער האט ז י ך ניט גע־פיהלט.

שפעטער האט ער געטראכט וועגען זיין פאהרען אין ירושלים, און איהם איז געווארען אזוי ווארעם אויפ'ן האר־צען, און אין דער זעלביגער צייט אויך אזוי אומעטיג און טרויעריג.

ער האט זיך דערמאנט אן די קינדער־יאהרען:

ליכטיג, מיט זון באגאסענע, פלעצער, און פיעל קינדער, ווי גאלד געפליגעלטע טויבען, באשיטען אט די אלע ערטער.

— און ער איז אויך צווישען זיי...

און אזוי זיינען די יאהרען געגאנגען. און ער האט זיך אליין געזעהן אין יעדען יאהר און אין יעדער צייט גאר אין איין אנדער ליכט און געשטאלט. און אט איז ער א אינגעל. און מיט אמאל איז ער א דערוואקסענער, און אט האט ער דעם ערשטען שטורמדיגען טרייסעל: ער האט זי באגעגענט.

און גלייך ווי דעמאלט האט ער איצטער מיט אמאל דערפיהלט יענעם שטורמישען צאפעל, וואס עס האט זיין הארץ געטאן.

ער האט פארמאכט די אויגען, און זיין הארץ האט עפעס וועה געטאן.

נאָכדעם האָבען זיי זיינע עלטערען איבערגעצויגען אין גליל. זיי האָבען דאָרטען געהאַט אַ נחלה. אַ צייט שפּע־טער איז זיין מוטער געשטאָרבען, דערנאָך דער פאָטער, — און ער איז געבליבען איינער אַליין.

און אַזוי האָט ער זיך געזעהן אַלס קינד און אַלס דער־וואַקסענעם אין די פאַרגאַנגענע טעג — און זיין האַרץ איז אָנגעפיהלט געוואָרען מיט טרויער און בענקשאַפט.

עס איז איהם אַרויף אויפ'ן זינען דער מאַן פון נצרת. ער האָט געטראַכט:

ער פאַרשפּרעכט זיינע אָנהענגער אייביגען לעבען... אָבער אייביגער לעבען איז דאָך אַן אומזין!... צי דען גע־דענקט ער זיין פריערדיגען זיין אויף דער וועלט?...

ער האָט זיך איבערגעקערט פון איין זייט אויפ'ן צווייטען און האָט זיך שטייפער איינגעוויקעלט אין געוואַנט. די נאַכט איז געוועזען אַ קאַלטע.

עפּעס האָט זיך גענומען באַוועגען אין זיין האַרצען. פאַר זיינע אויגען איז דערשינען אַ געשטאַלט.

און פאַרוואָס פאַרדריסט איהם?... פאַרוואָס פיהלט ער אַזאַ נאָגעניש אין האַרצען?...

ניט ווייט פון איהם האָבען זיך דערהערט טריט.

— אחז, דאָס ביזטו?!...

— איך, יותם. — האָט אחז געענטפערט.

אַ הויכע פיגור איינגעוויקעלט אין אַ מאַנטעל האָט זיך דערנעהענטערט צו יותם'ען.

דער אָנגעקומענער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויפ'ן גראָז נעבען יותם'ען און צווישען זיי האָט זיך פאַרוויקעלט אַ שמועס.

אחז האָט יותם'ען דערצעהלט, אַז ער קומט היינט פון ירושלים, וואו עס פיהלט זיך אַ באַהאַלטענע אומרוהיגקייט און אויפגערעגטקייט. אין בית־המקדש איז פאָרגעקומען אַ

שטיקעל מהומה. דער פריידינגער פון נצרת האט אנגעמאכט א טומעל: ער און זיינע אנהענגער האבען אויפגעהויבען א סקאנדאל. זיי האבען איבערגעקערט די טישלאך פון די חלפנים און טויבען־פארקויפער, און האבען ארויסגעטריבען מיט שטריק אלע הענדלער און מעקלער. עס זיינען צוזאמענגעלאפען א סך מענשען, און עס האט זיך אנגעהויבען א געשלעג.

יותם איז געווען נייגעריג: האט אויסגעפרעגט אחז'ן אלע איינצעלהייטען. דערנאך האט ער זיך פארטראכט און איז דער שטיל ווי צו זיך געזאגט:

— עס הויבט זיך שוין אן.

— איך פאהר מארגען אין ירושלים. — האט יותם מיט אמאל א זאג געטאן.

אחז האט זיך דערלאנגט א כאפ:

— איך האב זיך דערמאנט: איך האב באגעגענט חנינה'ן... ער איז געווען אזוי נייגעריג צו וויסען וועגען דיר... ער וויל דיך זעהר זעהן.

יותם האט זיך פארטראכט.

אחז איז געלעגען און האט געווארט, אז יותם זאל אנהויבען ריידען. יותם האט אבער געשוויגען. ער האט איצטער געטראכט פון זיין רייזע אין ירושלים און וועגען זייגע מעגליכע באגעגענישען.

אחז האט פון דער זייט געקוקט אויף דער אויסגעצויגענער פיגור פון זיין פריינד. עס האט זיך איהם איצטער געוואלט זעהר פיעל ריידען.

— יותם, — האט ער שטיל אנגעהויבען.

— וואס איז, אחז?...

— איך האב דיר עפעס געוואלט פרעגען.

— פרעג.

אחז האט א ווייַלע געשוויגען.

— זאָג מיר, יותם, דיין אמת'ע אויפריכטיגע מיינונג וועגען דעם מאַן פון נצרת?...

יותם האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און זיך אָנגעשפּאַרט אַן האַנט, געקוקט אויף אחז'ן. דערנאָך האָט ער אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען:

— איך ווייס ניט...

אחז איז געבליבען אומצעפרידען.

— ווייסט ניט?...

— דו וואונדערסט זיך, — האָט יותם געצויגען אָנגע־הויבען, — אָבער איך ווייס אין דער אמת'ן ניט... נאָר מיין הארץ זאָגט מיר, אַז מיט דעם מענשען וועט זיך ווען עס איז אויסקומען צו רעכענען...

— אזוי?... — האָט זיך אחז געוואונדערט.

יותם האָט געשוויגען.

אחז האָט פון דאַס ניי אָנגעהויבען:

— זאָל דאָס זיין אמת, וואָס מען דערצעהלט פון די וואונדער וואָס ער באַווייזט?

יותם האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס:

— איך ווייס ניט.

און אחז האָט גערעדט:

— אין פאָלק טראָגען זיך ארום פאַרשיידענע געשיכ־טעס וועגען די וואונדער וואָס ער האָט באַוויזען. מען דער־צעהלט, אַז ער מאַכט בלינדע זעהענדיג, קרעציגע האָט ער ריין געמאַכט און טויטע צום לעבען געבראַכט. איבער די כוואַליעס פון ים האָט ער שפּאַצירט און די שטורעמס האָט ער איינגעשטילט.

יותם האָט געשמייכעלט:

— די אַלע געשיכטעס, אחז, געהן מיר ווייניג אָן.

— איך גלויב ניט!... ארום יעדען מענשען, וואָס ציהט די אויפמערקזאַמקייט פון פאָלק, דרעהן זיך אַלע מאָל ארום גע־

שיכטעס פון גרױסקײט און װאונדער... פון װאנען זײ נעה־מען זיך, און װי אזױ אט די אלע געשיכטעס װערען גע־בארען, װײס איך ניט און קײנער װײס ניט... דעם אמת געזאגט אינטערעסירט עס מיך ניט: עס שמעקט מיט כשוף... האבענדיג דעם מזל איהם עטליכע מאל צו הערען, בין איך געקומען צום שלום, אז ער איז, א זעהר אומשולדיגער מענש. און אין דער זעלבער צײט, האט ער זיך שטארק אין זינען. ער פארפעהלט קײנמאל ניט אויף אלערלײ אופנים זיך ארױס־צערוקען אין פאדערגרונט. זײן גאנצער דערשײנונג אטעמט מיט טויט און צעפוילקײט. ער װײזט זיך פאר מײנע אױ־גען, װי א שאטען, װי אײנער גאר פון אן אנדער װעלט... אונז איז אינגאנצען פרעמד דער גײסט פון זײנע רײד און דרשות. עס איז ניט פאר אונזער גומען... אונזער באגריף פון גאט איז אויף אזױ פיעל עכט און געזונט, אויף װיפיעל מיר אנערקענען, אז מיר קאנען זיך קײנמאל מיט איהם ניט אױפגיסען: מיר זײנען באזונדער און ער איז באזונדער; ער איז דאך דער הערשער און מיר זײנען די דינער; ער איז אײביג און מיר זײנען פארגענגליך. אונזער באגריף פון גוט און בײז איז א רײן מענשליכער. מיר האבען קײנמאל ניט געמאכט קײן פארזוך אויסצעראטען די בײז, װאס װאר־צעלט זיך אין אונזערע הערצער, — װארים אהן דעם שטע־לען מיר זיך אין דער מדרגה פון שאטענס; מיר װערען אלײן פארװאנדעלט אין אזא גאטהײט... און מיר זײנען דאך בא־שעפענישען פון בלוט און פלײש!... דעריבער איז ער מיר פרעמד!...

אחז האט איהם אויסגעהערט און האט נאר געזאגט:

— מיך װאונדערט װי אזױ דו קאנסט רײדען אזױ רו־היג װעגען א מענשען, װעמען דו האסט פײנט.

— דו האסט א טעות, אחז, — האט יותם רוהיג און װײך גערעדט. — איך האב דעם מענשען ניט פײנט. איך

האָב נאָך, דאַכט זיך, אין מיין לעבען קיינעם ניט פיינט גע־האַט. יעדער מענש איז פאַר מיר אויף אַזוי פיעל טייער, וויפיעל איך קאָן פאַר איהם זיין טייער... איך אָבער וואָלט קיינמאָל ניט געוואָגט אַרויסצוגעהן און פריידיגען אומבאַ־גרענעצטע ליעבע פון מענש צו מענש: און אויב דו האָסט אַ קלייד גיב אָפּ דעם, וואָס האָט ניט... קינדערש: באַלד אויף'ן אָרט, וועט יענער דאַרפען אָפּגעבען דאָס קלייד צו־ריק, ווייל יענער וועט דאָך בלייבען נאַקעט... אין יעדענס לעבען, אין יעדער געזעלשאַפט אַרבייט זיך, פון זיך, אַליין אויס אַ געזונטע מאָראַלישע באַציהונג פון שטאַרקען צום שוואַכען, און אַט די באַציהונג איז די געזונטסטע. יעדער אַרויפגעצוואונגענער געדאַנק איז פאַרדאַרבליך... עס טרעפט זעהר אָפט, אַז די שטאַרקערע טרייבען איבער זייער מאַכט. — אָבער צום סוף מוזען זיי פאַלען, ווייל אין לעבען גופא איז דאָ אַ צוועקמעסיגקייט, אַ מאָס פון יושר און גערעכ־טיגקייט, וואָס גלייכט אויס די הויפּט כחות פון פאָלקס לעבען. און די יעניגע, וואָס זיינען ניט אונטערגעוואָרפען אַט דער גלייכגעוויכט — מוזען פאַלען!...

— אַט זעהסטו, אחז, — האָט יותם ווייך און פאַר־טראַכט גערעדט. — די רוימער זיינען פאַר'שכור'ט מיט זייער מאַכט. זיי האָבען די גלייכגעוויכט פאַרלאָרען. זיי וועל־לען פאַלען... אַ צווייטע מאַכט וועט זייער לעבען אונטער־גראָבען... גריכענלאַנד איז שוין האַלב אונטערגעגאַנגען. דער העלעניזם איז טויט, כאָטש די צדוקים האַלטען זיך אָן איהם אָן... זיי פיהלען ניט, אַז זיי האַלטען אַ טויטע זאַך... אויך די גריכען זיינען געווען פאַר'שכור'ט. צופיעל געטריבען דעם געטער־שפּיעל, און האָבען די גלייכגעוויכט פאַרלאָ־רען... דאָס איינציגע און געזונטסטע איז ביי היינטיגען טאָג דאָס אידענטהום. אָבער דאָ קומט אויך אַ סכנה: די פּרושים און דער מאַן פון נצרת...

יותם איז אנשוויגענ געווארען. ער האט זיך פאר־טראכט...

איבער זיין קאפ, האט זיך א טיפער שווארצער הי־מעל געשפרייט, און די שטערען, גרויסע און פינקעלדיגע, האבען מיט ריטמישער צאפּעלדיגקייט זיך געשפּיעלט און גע־ווארפען מיט פארשיידענע פייערען. א שטילקייט האט זיך ארום אויסגעלייגט.

אחז האט איצטער דערצעהלט יותם'ן, אז ער האט אין ירושלים אויפ'ן פערד־מארק געקויפט אן אייזעל, און עס דוכט זיך איהם, אז דער אייזעל הינקט, — דער פערד־הענד־לער האט איהם גענארט.

— ווי אזוי האסטו עס ניט פריהער געזעהן ? — האט זיך יותם געוואונדערט.

— איך האב זיך גארניט ארומגעזעהן, — האט אחז גערעדט. — עס האט עפּעס אין מיט'ן אויסגעבראכען א טומעל : צוויי פערד־הענדלער האבען זיך צעקריגט און גע־נומען שלאגען. דערווייליגע האב איך זיך פארגעסען גוט ארומצעקוקען מיין קניה.

— מיר וועלען מארגען זעהן דעם אייזעל, — האט יותם געזאגט. — עס קאן זיין, אז עס איז נאר אנגעריבען. און עס וועט איבערגעהן...

אחז האט איהם געפרעגט, אויב ער פאהרט אין ירושלים

— נאך מארגען אפשר. — האט יותם געענטפערט.

אחז האט זיך אויפגעהויבען :

— איך געה...

— געה אין פרידען, — האט איהם יותם געוואונשען.

אחז איז פארשוואונדען געווארען צווישען די בוימער.

יותם האט נאכאנאנד געקוקט אין דער טונקעלער נאכט און האט געפיהלט אן אומבאשטימטען טרויער אין און ארום זיך. עפּעס האט ער געוואלט, עפּעס האט איהם ערגעץ

געצויגען. ער האָט זיך איצטער געפיהלט ווי אין א נעבעל: קיין זאך ניט קלאָר און באַשטימט. עפּעס וועבט זיך זיין לעבען צוזאַמען מיט דער נאַכט. — אַבער וואָס?...
איהם איז געוואָרען קאַלט.

דריטער קאַפּיטעל

אין ירושלים.

I.

אין ירושלים איז יותם אָפּגעטראָטען צו זיין יוגענד־פריינד חנינה בן חגי.

חנינה האָט איהם באַגעגענט מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס:

— יותם, מיין טייערער!

יותם האָט רוהיג און שמייכלענדיג אויסגעהערט די אַלע פריינדליכע אויסגיסונגען פון דעם גוטען, אָפענהאַרציגען חנינה. אַן אַנגענעהמענע מינע האָט גערוהט אויף זיין געזיכט.

חנינה איז געווען מיט יותמ'ן אין איין עלטער, און גלייך מיט יותמ'ען איז ער געווען שעהן געוואַקסען, מיט אַ קאָפּ געדיכטע שוואַרצע האָר און מיט ליכטיגע, פרעהליכע און גוטע אויגען.

חנינה איז געבליבען אַ יתום נאָך אין זיין יוגענד, און זיין דערציהונג האָט אויף זיך איבערגענומען די עלטערע שוועסטער, די פרוי פון יוחנן הכהן.

חנינה האָט זיך גערעכענט פון די רייכע מענשען אין ירושלים. ער האָט זייגע געשעפטען אויסגעשפּרייט איבער גאַנץ אַזיע, כאָטש ער אַליין האָט זיך ווינציג אָפּגעגעבען

מיט דער געשעפטליכער זייט, פונדעסטוועגן האָט ער אויף אַלץ און אַלעמען געהאַט אַן אויג. זיינע טעג און נעכט האָט ער פאַרבראַכט, ווי די מעהרסטע רייכע יונגע לייט פון זיין צייט: אין יאַגעניש נאָך ליעבע און לייכטען גענוס.

נאָכדעם, ווי די ערשטע באַגעגעניש איז אריבער, האָ־בען ביידע פריינד זיך געזעצט, און זיך אַזוי ווי צוגעגרייט אויסצוהערען איינער דעם אַנדערען.

חנינה האָט באַפוילען דעם דינער אריינצעברענגען אַ בעקען וואַסער.

אַ שוואַרצער קנעכט האָט אריינגעבראַכט וואַסער און האָט זיך גענומען ארומוואַשען יותמ׳ס פיס. אַ צווייטער קנעכט האָט געבראַכט אויף אַ טאַץ מילך, האָניג, געטרי־קענטע פייגען, ווייגטרויבען, וויין און בוימעל.

אין דער צייט, וואָס דער קנעכט האָט ארומגעוואַשען יותמ׳ס פיס, האָט חנינה אין אַ לייכטען, פרייען טאָן דער־צעהלט וועגען זיין לעבענס־אַרט, דערהויפּט וועגען זיינע ליעבעס־פּאַסירונגען.

ער האָט איהם דערצעהלט, אַז ער איז געווען אייניגע מאָל ביי דער בעריהמטער קורטיזאַנע פּאַפּעיאַ, וואו ער האָט זיך באַגעגענט מיט פּאָנטיוס פּילאַטוס און מיט דעם הויפּט פון דעם רוימישען לעגיאָן, וואָס איז איינגעקוואַרטירט ארום ירושלים.

ביי דעם נאָמען פּאַפּעיאַ האָט זיך יותמ׳ס שטערן פאַר־וואָלקענט, און אין הארצען האָט זיך וואָס אַ ריהר געטאָן.

חנינה האָט פרעהליך גערעדט:

— זי איז שעהן און קלוג.

— שעהן און קלוג, — האָט יותם פאַרטראַכט נאָכגע־זאָגט.

— ווילסט צו איהר געהן?...

— מיר איז אַלץ איינס, — ווי דו ווילסט.

— יותם, ווי פילאזאפיש!...
יותם האט געשמייכעלט:
— קענסט דאך מיך...
חנינה האט א זיפץ געטאן:
— דערזעלביגער וואס אמאל, — אין יענע יאהרען פון דער פריהער יוגענט, ווען מיר האבען אין אומשולדיגען שפיעל אונזערע טעג פארבראכט... יותם, מיר ווערען אבער עלטער.
יותם האט געשמייכעלט:
— וואס אזוי שווערמוטיג... און וואס איז שייך צו מיר, חנינה, זאלסטו וויסען, אז פאר מענשען, וואס זייער לעבען איז אין שטענדיגער גלייכגעוויכט, איז ניט פאראנען קיין יונג און אלט... אבער זיי רוהיג, חנינה, עס איז נאר גערעדט, אבער אין דער אמת'ן, איז ניט אזוי, ווייל אויך איך האב אבער מיט אמאל דערפיהלט, ווי די יוגענט פאר־שווינדט...
חנינה האט געקוקט מיט ליעבע אויף יותמ'ן און איהם באטראכט, גלייך ווי ער וואלט אין איהם עפעס ווען אפ־זוכען, וואס זאל עדות זאגען וועגען יותמ'ס פערזענליכען לעבען. ער האט גארנישט געפונען: דערזעלביגער יותם.
— ווי געפעלט דיר דער וויין? — האט חנינה גע־פרעגט יותמ'ען, נאכדעם ווי יענער האט אויסגעטרונקען א בעכער וויין.
יותם האט איהם מיט'ן אויסדרוק פון געזיכט געלאזט ווייסען, אז דער וויין איז גאר פון די בעסטע, און חנינה האט צפרידען געשמייכעלט:
— פון מיינע אייגענע קעלערען...
— וואס הערט זיך ביי אייך אין ירושלים? — האט יותם מיט אמאל א פרעג געטאן, און געגעבען מיט דעם צו פיהלען, אז דער פריהערדיגער געשפרעך איז פאר איהם אין גאנצען געענדיגט.

— וואָס זאָל זיך הערען? — האָט חנינה א זאָג געטאָן, און באַלד אויפ'ן אָרט צוגעגעבען: אַביסעל טומעלדיג...

יותם האָט געמאַכט א מינע, ווי ער וואָלט זיך צונרייטען עפּעס אינטערעסאַנטעס צו הערען.

— איז וואָס באַשטעהט דער טומעל? — האָט יותם געפרעגט.

חנינה האָט זיך באַקוועם איינגעזעצט אויפ'ן ווייכען נידעריגען דיוואַן, און האָט קוקענדיג גלייך אויף יותמ'ען גערעדט:

— ערשטענס: איז די טעג אהערצו אראָפּגעפאָהרען פון צעזאַרעיא פּאָנטיוס פּילאַטוס מיט גאַנצע פּלענער, צו וועלכע עס פאָדערט זיך זעהר פיעל געלט. ער וויל איינפיהרען רעפאָרמען אין די געפענגנישען, ער וויל אויסבעסערען די וועגען, ער וויל אין ירושלים איינפיהרען א וואַסער־לייטונג, און נאָך, און נאָך אַזעלכע זאַכען... אָבער מיר ווייסען דאָך, מיט וואָס דאָס שמעקט... טומעלט זיך! און ווי אַלע מאָל, זיינען די רעגירונגס־מענשען פאַר דעם, און די איבעריגע קעגען. — אָט טומעלט זיך דערווייל.. צווייטענס: האָבען מיר נאָך א טומעל אַנמאַכער, דאָס איז דער פּריידיגער פון גליל...

יותם האָט אָנגעשטעלט די אויערען:

— דער פּריידיגער פון גליל?...

— אַזוי רופען מיר איהם דאָ.

— וואָס וויל ער?...

חנינה האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען:

— איך ווייס ניט... עפּעס א האַלב־משוגע'נער, גיט זיך אָן פאַר משיח און גאָטס זון — דער מאַן פון נצרת...

יותמ'ס געזיכט האָט זיך פאַרצויגען מיט א כמאַרע.

און ער האט א טראכט געטאן: ווידער דער מאן פון נצרת...
חנינה האט ווייטער גערעדט:

— אלע זיינען אויף איהם אויפגעבראכט... דערהויפט די בית־המקדש חברה... זיי שרייען, קאכען זיך, ווילען איהם אנקלאגען פאר'ן סנהדרין... אבער צו וואס?... איך וועל דיר זאגען דעם אמת, אז אויסער, וואס ער איז אן אומשעדליכער מענש, אמוזירט ער נאך מיט זיינע גוזמאות... זאל ער!...
און חנינה האט הארציג געלאכט.
יותם איז געווארען ערנסט.

— דו ווייסט, יותם, — האט חנינה אין זעלבען טאן ווייטער גערעדט, — נאך איהם שלעפען זיך נאך עטליכע פרויען — שעהנהייטען... דערהויפט איינע... אך, ברודער, מען קאן מיט איהר גארנישט מאכען: געווארען א צנועה...
— יותם האט געלאכט:
— און דו ביזט דער זעלביגער וואס אמאל...

חנינה איז געווען אין א גוטער שטימונג, און ער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען זיינע ליעבעס־פאסירונגען. אין דער צייט וואס ער האט מיט הומאר דערצעהלט וועגען זיך, ווי אזוי ער איז דורכגעפאלען אין אייניגע פאלען, האט זיך מיט אמאל פון גאס דערטראגען א טומעל: מענשען האבען הויך גערעדט, געשריען און געלאפען.

די גאס איז געווען פארפלייצט מיט מענשען פון ברעג צו ברעג.

חנינה האט אימעצען א פרעג געטאן, וואס איז דער טומעל, און יענער האט איהם קורץ געענטפערט: דער פרייז־דיגער פון גליל.

יותם האט באטראכט דעם עולם, און זיין אויג איז גע־פאלען אויף א מאן, וואס איז געגאנגען פריהער מיט א אפגערעקטען קאפ.
ער האט איהם דערקאנט.

נאָכ'ן מאַן זיינען נאָכגעגאַנגען זיינע געטרייע אנהענ־גער און תלמידים און פיעל נייגעריגע, וואָס קלעפּען זיך אלע מאָל צו, וואו עס הויבט זיך אָן צו אויפשטעלען א וועלכע עס איז פּראַצעסיע.

דער מאַן מיט'ן אַפּגעדעקטען קאָפּ איז פּאַמעלאַד, ווי אין שלאָף, געגאַנגען, און האָט זיך ניט ארומגעקוקט. ער האָט זיינע פאַרצווינענע אויגען ווי אַנגעשטעלט אויף איין פּונקט: אין דער ווייט. אויף זיין גאַנצער פיגור איז גע־לעגען אַזא רוהיגקייט און פאַר'חלום'טקייט, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען איינער אליין אין א פאַרלאָזענעם פּלאַץ. זיין געזיכט איז געווען אויסגעמאַטערט און דורכזיכטיג. די האָר פון קאָפּ און באָרד זיינען ערטערווייז געווען אויפגע־דרעהט ווי שטריק.

יותם האָט צווישען עולם דערקאַנט שמעונ'ען און יהודה'ן.

— איז ער ניט וואונדערליך? — האָט חנינה געלאַכט.

— זעה, מיט וואָס פאַר א ווירדע ער טראָגט זיין קאָפּ. זעה, ווי ער קוקט זיך אפילו ניט אום, — קעניגליך!...

יותם האָט נאָכגעפאָלגט מיט די אויגען די פּראַצעסיע, ביז וואַנען זי האָט זיך אריינגעדרעהט אין אַן אנדער גאַס. אַפּגעהענדיג פון טיר, האָט ער, ווי צו זיך אליין גע־זאָגט:

— דער אָנהויב אין ירושלים, — דער סוף וואו?...

— וואָס זאָגסטו? — האָט חנינה געפרעגט.

— גאָרנישט, איך האָב פון עפּעס א טראַכט געטאָן.

— געהן מיר צו פּאַפּעיאַן? — האָט חנינה ארויפגע־לייגט זיין האַנט אויף יותמ'ס אַקסעל.

— ווי דו ווילסט, — האָט יותם אַ זאָג געטאָן, און אין הארצען האָט זיך עפּעס גענומען ריהרען.

ביידע פריינד זיינען באַלד געווען אין דרויסען.

אויפ'ן וועג האט יותם געפיהלט, אז ער געהט געגען זיין אייגענעם לעבען: מיט יאהרען צוריק האט ער פאפעיאן באגעגענט אין טבריה, און זי האט די פרידליכקייט פון זיי־נע נעכט צעשטערט, זיין גלייכגעוויכט צעטרייסעלט. עס האט גענומען א לאנגע צייט ביז וואנען ער האט זיך דער־נאך צוריק געפונען. — און איצטער געהט ער ווידער גלייך אין פייער.

ער האט זיך אבער ניט געקאנט העלפען: אן אומפאר־שטענדליכע קראפט האט איהם צו איהר געצויגען.

II.

חנינה האט באפויהלען זיינע צוויי שווארצע קנעכט, אז זיי זאלען ברענגען דעם טראג־שטוהל פאר'ן טיר.

— עבט רוימיש, — האט יותם געלאכט, — וואס דארפסטו עס ?..

— צו פאפעיאן האב איך ליעב צו דערשיינען ווי א רוימער, — האט חנינה געזאגט און דערביי געמאכט א מינע פון א שווערען שטאטסמאן, אבער ער האט זיך באלד אליין פאנאנדערגעלאכט. — א, וואס איז דער אונטערשייד, זאל זיין אין א טראג־שטוהל.

— איך וועל דיר זאגען דעם אמת, — האט יותם גע־זאגט, ווען זיי האבען זיך איינגעזעצט אויף די ווייכע קי־שענס פון טראג־שטוהל, — אז איך בין ניט געוואוינט אזוי צו פאהרען, פאר מיר איז דא ענג... זעהסטו אויפ'ן רוקען פון א פערד, — עפעס אנדערש.

— מען מוז זיך צוגעוויינען — האט חנינה געלאכט.

— זאָג מיר, חנינה, ווי שטעהסטו מיט די פּרושים און קנאים? — האָט איהם יותם געפרעגט, דערמאָנענדיג זיך אַז זיין געשפּרעך ביי זיך אין הויז מיט יאשיהו'ן. — געהסט אמאָל אין בית המקדש?...

— שוין א לאַנגע צייט ניט געווען, — האָט חנינה אומצעפרידען געענטפערט. — דו ווילסט הערען דעם אמת? וועל איך דיר זאָגען. — איך האָב פיינט געקראָגען אַלע פּאַר־טייען, ניט דערפאַר, ווייל איך האָב עפּעס בעסערס אויס־געטראַכט — פּשוט: זיי זיינען מיר פרעמד. איך קאָן ניט לעבען ווי זיי. אין א געוויסען זינען בין איך א פילאָזאָף. און איך היט זיך, אַז איך זאָל קיינעם ניט זיין אין וועג, און דערפון קומט ארויס, וואָס קיינער איז מיר ניט אין וועג. ביי מיר איז: יעדערער לעבט אויס זיין לעבען. קיינער וועט מיר קיין טעג ניט לייהען, און איך וועל קיינעם ניט לייהען פון מיינע טעג..

יותם האָט געשוויגען.

— דענקסט ניט אזוי? — האָט חנינה געפרעגט.

— דו ביזט אפשר גערעכט, אָבער פון דעסטוועגען אינ־טערעסירט דיר גאָר ניט די לאַגע פון יהודה? — האָט יותם א פרעג געטאָן.

— יאָ, און ניין — האָט חנינה געענטפערט — מיר אינטערעסירט די לאַגע פון יהודה אויף וויפיל איך בין פאַר־מישט ניט ווילענדיג, אָבער קריכען, זיך רייסען פון הויט, קאָן איך ניט און וויל ניט... עס וועט סיי־ווי־סיי צו גאָר־נישט פיהרען.

— דו ביזט ווירקליך א פילאָזאָף, — האָט יותם גע־לאַכט.

חנינה האָט אויפגעהויבען דעם פאַרהאַנג און ארויסגע־קוקט אין גאַס.

— מיר זיינען שוין אויפ'ן אָרט, — האָט חנינה גע־

זאגט, און ער האט זיך גענומען גרייטען צו ארויסשטייגען.

דער טראג־שטוהל האט זיך אפגעשטעלט פאר א שעהן געבויטען פאלאץ פון פארענט מיט א שטיינערנע טעראסע מיט צוויי רייהען זיילען. און א זייט צום גארטען זיינען גע־שטאנען עטליכע שווארצע קנעכט נעבען זייערע טראג־שטוה־לען און האבען צווישען זיך גערעדט.

— אט דא וואוינט זי? — האט זיך יותם געוואונדערט.

— יע, מיין פריינט.

ביידע האבען זיך געלאזען צוםברייטען געפלאסטער־טען אריינגאנג.

א פעך־שווארצער קנעכט מיט גרויסע אויער־רינגען האט זיי באגעגענט און זיך געבוקט, און זיי אריינגעלאזען אין א גרויסען, מיט מארמאר, געפלאסטערטען וועסטיבול, פון דאר־טען זיינען זיי אריין אין א צימער, וואו די געסט זיינען איצ־טער געזעסען.

דאס גאנצע צימער, א געמיש פון אריענט און גריכיש־רוימיש, איז געווען פארהאנגען מיט פערזישע טעפיכען. די ווינקלען זיינען געווען פארשטעלט מיט סטאטועז און גריי־כישע וואזען פון א פריהערדיגער פעריאדע, וואו עס איז אין פרימיטיווער ארט און גאנץ נאאיוו איבערגעגעבען געווארען קריעג־סצענען פון טראיאנעם קריעג. א קליינער מארמאר־נער טישעל איז געשטאנען אין מיטען צימער, און צום טי־שעל איז געווען צוגערוקט א ווייכער דיוואן און א פאר בענקלאך. אויפ'ן דיוואן, האלב אנגעלעהנט, איז געלעגען פאפעיא, א בלענדענדיגע שעהנהייט, און האט גערעדט צו די יעניגע, וואס זיינען געזעסען אנטקעגען. אויפ'ן טיש איז געשטאנען אלערליי פרוכט און וויין. אין צימער האט גע־שמעקט מיט פארשיידענע עסענצען.

ביי זייער אריינקומען האט פאפעיא אויסגעצויגען דעם האלז, אום בעסער צו אנקוקען די נייע אנגעקומענע.

דערקאַנענדיג חנינה'ן האָט זי געזאָגט:

— חנינה, האָסט געבראַכט אַ גאַסט, — פרייד זאָל איהם באַגעגענען צווישען די ווענט פון מיין הויז. און זי האָט איצטער אָנגעשטעלט איהרע אויגען אויף יותמ'ן.

יותם איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום דיוואַן, וואו פאַפּעיא איז געלעגען האַלב אָנגעלעהנט, און האָט זיך געבוקט:

— דערקאַן מיך פאַפּעיא.

ביים קלאַנג פון זיין קול האָט פאַפּעיא זיך אַביסעל אויפגעהויבען פון איהר אָרט און האָט זיך בעסער צו איהם צוגעקוקט.

— יותם! — האָט זי צעפּריעדען געזאָגט. — שיער ניט דערקאַנט. און זי האָט איהם צוגערוקט איהר שטערען.

יותם האָט איידעל מיט זיינע ליפּען באַריהרט איהר שטערען, און אין נאָז איז איהם אַריין דער ריח פון שמעקעדיגען אויל, און אַן איידעלער ציטער איז אַריבער זיין לייב.

זי האָט זיך געווענדעט צו די געסט:

— אַ פריינט, וועמען איך האָב ניט געזעהן זעקס יאָהר. יע, זעקס יאָהר, דעם לעצטען מאָל האָבען מיר זיך געטראָפען אין טיבעריאַס!

און זי האָט געקוקט פראַגענדיג אויף יותמ'ן.

יותם האָט געמאַכט אַ צייכען מיט'ן קאָפּ, אַז אַזוי איז עס.

זי האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר איהרע געסט. ביי דעם נאָמען פאַנטיוס פּילאַטוס האָט יותמ'ס געזיכט לייכט אַ צוק געטאָן, און ער האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם מאַן, וואָס פאַפּעיא האָט אָנגערופען פאַנטיוס פּילאַטוס.

פּילאַטוס איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ הויכער און מיט אַ זעהר שטרענגען און גוט געשניטענעם געזיכט, אין וועלכען עס האָט זיך אָבער ניט געפיהלט קיין

בייזקייט אדער שלעכטסקייט. זיין געזיכט גלאט ראזירט מיט׳ן גלייכען לאנגליכען אוואל און מיט די אפענע, גלייך קוקענדיגע אויגען, האט ער מיט זיך פארגעשטעלט דעם אמת׳ן טיפ פון א רוימישען אדעלמאן. נעבען איהם איז געזעסען דער הויפט פון לעגיאן, וואס איז געווען איינגעקוואַרטירט ביים סירישען גרענעץ, — א טיפישער הויפט פון א רוימישען לעגיאן.

חנינה האט שמייכלענדיג גערעדט צו פאפעיאן:

— פאפעיא, טאכטער פון אטהען, האסט געקאנט מיין יוגענט־חבר יותם, איידער דו האסט מיך געקאנט, און איך האב דערפון ניט געוואוסט.

פאפעיא האט איינגעלאדען מיט׳ן האנט, אז יותם זאל זיך נעבען איהר זעצען.

יותם האט זיך נעבען איהר געזעצט, און דער געשפּרעך האט זיך באנייט וועגען דעם זעלבען ענין. וואס זיי האבען פריהער גערעדט, איידער יותם און חנינה זיינען דערשיענען.

קאיוס, דער רוימישער הויפט פון א לעגיאן, האט דערצעהלט וועגען א מענשען, וואס שלעפּט זיך ארום איבער גאנץ פאלעסטינא מיט א גרויסע צאהל אנהענגער, און ווייזט גרויסע וואונדער, און לויט, ווי עס האט איהם איבערגעגעבען איינער פון די פובליקאנען, האט ער אליין געזעהן, ווי ער האט אויסגעהיילט עטליכע לעפּערס און ארויסגעטריבען די שלעכטע גייסטער פון אייניגע פרויען.

פילאטוס האט א מאך געטאן מיט׳ן האנט:

— אלץ אזעלכע נעשיכטען.

קאיוס האט די זאך ניט געוואלט אפּלאזען, שטיל ביי זיך אין הארצען, האט ער געוואוסט און געפיהלט אז איינענע קראנקהייט, פון וועלכער ער וואלט געוואלט וועלען לויז ווערען, און דעריבער האט עס איהם אזוי פיינליך אינטערעסירט, און ער אליין האט געוואלט גלויבען; אז עס איז אמת, דאס מיינט,

אז אזוי דערצעהלט מען וועגען דעם מאן, וואס באווייזט אזעלכע וואונדער אומעטום, — איבער'ן גאנצען לאנד. ער האט געזאגט:

— פון אנהויב, האב איך זיך אויך אזוי סקעפּטיש באַ־צויגען צו דער גאנצער געשיכטע, אבער דערנאך האב איך גענומען דערהאלטען באריכטען פון אלע פּאסטען וועגען א מענשען, וואס שלעפּט זיך ארום מיט הונדערטער אנהענגער און פאַרעהרער, און ווייזט וואונדער.

פילאטוס האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ. ער האט איראַ־ניש געזאגט:

— א מאדנעם לאנד, א מאדנעם פאלק.

יותם האט איהם אנגעקוקט.

פּאפּעיא האט אויסגעצויגען די האלז און פאריכט דעם קנופּ האר אויף איהר קאפּ און געפרעגט:

— וואס רעדסטו, פילאטוס?

פילאטוס האט זיך אנגעשפּארט מיטביידע הענט אויף דער הענטעל פון שווערד, און האט גערעדט:

— מיין טייערע, מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין פיע־לע לענדער, איך האב געזעהן און געלעבט צווישען פארשיי־דענע פעלקער, אבער איך האב אין ערגעץ ניט באגעגענט אזוי פיעל איינגעשפּארטע, עקשנות־פאַרהארטעוועטע מענ־שען, ווי דא אין יהודה, מענשען וואס זיינען קיינמאל ניט צופ־רידען; מענשען, וואס האלטען שטענדיג אין זוכען; מענ־שען, וואס זיינען ניט צופרידען מיט זייער רעליגיאן; מענ־שען, וואס זיינען ניט צופריעדען מיט דער געזעצגעבונג... איך האב אין קיין לאנד ניט באגעגענט אזוי פיעל פריידיגער... אין מיטען דערינען פארלאזט א מענש זיין באשעפטיגונג און לאזט זיך ארום פריידיגען, וועקען און רייצען דעם פאלק. אין מיטען דערינען, שטעהט אויף אין א ווינקעל א מאן און הויבט אויף אן אויפשטאנד, וואס איז פאראורטיילט

אויף מארגען מיט בלוט אונטערדריקט צו ווערען... פיליכט איינס פון די פעהיגסטע פעלקער אויף דער ערד, אבער דערפאר איינס פון די אומדיסציפלינירטע... אין בלוט פון פאלק איז דא עפעס אזעלכעס, וואס מאכט אלעמען אזוי גלייך און אלגעמיין, אז זיי פיהלען ניט דעם רעספעקט, וואס איינער דארף פאר דעם אנדערען האבען אין געוויסע פאלען. זיי מוזען האבען, אז פרעמדע זאלען זיי רעגירען, ווען ניט וועלען זיי ניט קאנען עקזיסטירען: — א אידישער קעניג, איז אוממעגליך און אויך לעכערליך... א מאדנעס, מאדנעס פאלק...

און פילאטוס האט א ציה געטאן מיט די אקסלען.

— עס איז אמת, פילאטוס, — האט פאפעיא גערעדט, — אבער איך זעה אין דעם ניט, וואס דו זעהסט... איך זעה אין דעם אן אנדער צייכען...

— מיין קינד, מיר זעהעןביידע מיט אנדערע אויגען — האט פילאטוס געלאכט.

יותם האט געוואלט זאגען, אז אויב עס איז אמת, אז די אידען קאנען ניט באלאנסירען זייער לעבען אויף אזא אופן, אז עס זאל זיך באקומען אן עכט רוימישער לאגער, דערפאר אבער וועלען זיי אבער קיינמאל ניט פארלירען די גלייכגע־וויכט, ווי עס פיהלט זיך שוין איצטער אין דער רוימישער אימפעריע, — אבער ער האט עס ניט געזאגט. ער האט זיך מישב געווען, אז עס איז בעסער צו שווייגען.

קאיום האט ווידער גענומען דערצעהלען וואונדער פון דעם מאן, וואס שלעפט זיך ארום איבער גאנץ יהודה.

חנינה האט אויסגעטרונקען א בעכער וויין און אין שפאס געזאגט צו פאפעיא'ן:

— פאפעיא, אט דער האלב־משוגענער מאן, האט זעהר פיעל גליק צו פרויען. עס געהען נאך איהם נאך פרויען, וועלכע האבען פארלאזען זייערע געליעבטע און מענער. עס

איז נאָך דאָס איינציגע גליק, פּאַפּעיאַ, וואָס דו האָסט איהם ניט באַגעגענט, ווארים דעמאָלט, וואָלטעו מיר דיך אויך פאַרלאָרען.

פּילאַטוס האָט געשמייכעלט:

— גוט, גוט...

פּאַפּעיאַ האָט געלאַכט:

— זעהסטו, חנינה, — איך וועל שוין מאַכען מיין אויפ־גאַבע איהם צו באַגעגענען.

חנינה האָט זיך איינגעבויגען צו איהר קאָפּ און שטיל וואָס געזאָגט אין אויער.

און דערנאָך האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אויפ'ן קול.

פּאַפּעיאַ האָט געשמייכעלט.

— איך וויים, וואָס חנינה האָט דיר איצטער געזאָגט אין אויער, פּאַפּעיאַ, — האָט פּילאַטוס געזאָגט.

— דו האָסט אַ טעות, ווי אַלע מאָל, פּילאַטוס, — האָט פּאַפּעיאַ זיך מעהר אויסגעצויגען אויפ'ן דיוואַן און דערווייל אַליין צו זיך געלאַכט. — דו וועסט קיינמאָל ניט טרעפען. ווייל איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט טרעפען... דו ביזט ניט ווערט, אַז דו זאָלסט עס וויסען.

פּילאַטוס האָט געלאַכט.

יותם האָט זיך געפיהלט אַ ביסעל נעלאַנגווייליגט, שוין אָפּגעוואוינט געוואָרען פון די אַלע קאָמפּאַניעס און באַקאַנט־שאַפטען, אבער ערגעץ וואו אין אַ ווינקעל פון זיין הארץ, האָט זיך פאַנאַנדערגעבלאָזען אַ געפיהל פאַר פּאַפּעיאַ'ן, און עס האָט זיין בלוט גענומען וואַרעמער פליסען אין זיינע אָדערען.

ער איז געזעסען ביי פּאַפּעיאַס זייט און איהרע ווייכע לענדען האָבען געוואָרעמט זיין לייב. ער האָט איהר גאַנצען וועזען געפיהלט דורכ'ן דינעם געוועב פון איהר קלייד.

— יותם, וואָס שווייגסטו? — האָט זיך צו איהם פאַ־

פעיא געוועגדעט און האט דערווייל געגלעט זיין קאפ. — ביזט פארזעסען געווארען אויף דיין נחלה, און האסט זיך פארגעסען ריידען.

יותם האט קיינמאל ניט ליעב געהאט, ווען ער איז גע־ווארען דער צענטער פון אויפמערקזאמקייט. ער האט אלע מאל פארגעצויגען צו זיין אן א זייט אין שאטען, איידער ביים וועג, וואו אלע געהען פארביי. און אלע מאל, ווען עס האט געטראפען, אז מען האט איהם אויסגעצייכענט פון די איבעריגע, האט ער זיך אביסעל פארלארען. איצטער אויך האט א שאטען פון אומצופרידענהייט זיך איבערגעצויגען איבער זיין געזיכט.

— האסט א טעות, פאפעיא, — האט יותם אבער אין טאן געענטפערט, — איך בין קיינמאל ניט געווען אליין; אלע מאל געווען מיט... דא האט ער זיך פארהאקט, געוואלט זאגען „מיט דיר", אבער ער האט אויסגעלאזען: מיט אייך אלעמען אין ירושלים.

פאפעיא האט פארשטאנען. זי האט געלאכט.

דערנאך האט זיך פארבונדען א געשפרעך וועגען דער לאגע אין יהודה. פילאטוס האט דערצעהלט, אז ער האט באקומען באריכטען פון אויסברוכען איבער'ן גאנצען לאנד. די זעלאטען, די פארטיי פון פאלק, איז געווארען זעהר טעטיג, אונטער דער פעהיגער פיהרערשאפט פון יהודה הגלילי.

— מיר וועט אויסקומען צו אננעהמען שטרענגע מיט־לען, — האט ער גערעדט אין אזא טאן, גלייך ווי עס וואלט פאר איהם זעהר אומאנגענעהם געווען צו טאן אזא זאך.

חנינה און יותם האבען זיך איבערגעקוקט. זיי האבען געשוויגען, אבער פאפעיא האט געזאגט:

— דו, פילאטוס, האסט ניט קיין ווייכע האנט, דו ביזט

א רוימער; האסט אפט ליעב צו וואשען דיינע הענט: רייני־קייט, בעדער...

און זי האט געלאכט.

— פאפעיא, דו ביזט גערעכט, — האט פילאטוס גע־רעדט, — איהר וועט אונז אבער קיינמאל ניט פארשטעהן, אזוי ווי עס איז מיר שווער אייך צו פארשטעהן. אדער אזוי ווי איך קאן ניט פארשטעהן, פארוואס די איינוואוינער פון ירושלים שטערען אונז איינצעפיהרען א וואסער־לייטונג... צוויי באזונדערע וועלטען: רוים און ירושלים... און דאס וואס אנבאלאנגט מיר — בין איך פאר רוים...

— און איך פאר ירושלים, — האט פאפעיא גענומען א בעכער וויין אין האנט.

— מיין קינד, — האט פילאטוס אין גוטען הומאר גע־רעדט, — פאר דיר ירושלים, פאר מיר — רוים. איך האב שוין גענוג פון ירושלים... די אידען האבען מיך אין א באר־באר פארוואנדעלט...

יותם האט געקוקט אויף דעם גלייכגילטיגען רוימער מיט זיין אפענעם, הארטען געזיכט, און ער האט געפיהלט, אז דער אזוי פארשריענער „טיראן פילאטוס", איז גארניט אזא טיראן.

חנינה האט א בויג געטאן דעם געשפרעך אן א זייט. ער האט געפרעגט דעם הויפט פון לעגיאן, ווי עס געהט צו די פארבארייטונג פאר דעם גלאדיאטאר'ן קאמפף אין דער ארענא פון צעזארעיא.

קאיום האט אפגעלעבט, און ער האט נאכאנאנד גענו־מען ריידען וועגען דעם פארשטעהענדיגען יום־טוב און וועגען גלאדיאטאר'ן אין אלגעמיין, און אויך וועגען דער קונסט פון קאנען זיך פארטיידיגען און אנגרייפען. נאך זיין מיי־נונג זיינען די גערמאנען די בעסטע גלאדיאטאר'ן, און אַס

האט ער געקראגען א גליאדאטאר, נאר א וואונדער, געבראכט פון רוים.

— זיכערהייט און גלויבען צופיעל איין זיך איז איין רינג אויך ניט איבעריג גוט, — האט קאיוס גערעדט, — איך האב אמאל בייגעוואוינט א קאמפף פון צוויי גלאדיאטאר'ן. אויף איינעם האב איך געוועט א גרויסע סומע, און איך בין געווען זיכער, אז ער וועט זיגען, און אזוי איז ער אויך געווען זי־כער. ער איז געווען פלינקער, פעהיגער און מעהר געשולט, ווי זיין געגנער, און ביי איהם איז שוין געווען אפגעמאכט, אז ער וועט זיגען. און ווען זיי זיינען אריין אין רינג, האט זיך גלייך געפיהלט, אז מיינער וועט זיגען. אבער איז ער געווען צופיעל זיכער און ער האט זיך פארגעסען צו היטען, און אין אזא מאמענט האט איהם זיין געגנער געכאפט, — און דער קאמף איז געווען פאריבער...

קאיוס'ן האט עס פארדראסען, וואס עס האט זיך דער־מאלט אזוי אויסגעלאזען, און די דאמאלסדיגע אנטוישונג האט זיך איצטער נאך געפיהלט אויף זיין געזיכט און אין זיין טאן.

חנינה האט פארגעשלאגען, אז יותם זאל מיט איהם פאהרען אין צעזאראיא, אבער יותם האט זיך אנטזאגט.

פאר'ן אוועקגאנג האט פאפעיא זיך ווארעם געזעגענט מיט יותמ'ן, איהם געבעטען, אז ער זאל זי באזוכען, ווען ער וועט נאר זיין אין ירושלים.

— נו, יותם, ווי געפעלט דיר פאפעיא? — האט איהם חנינה געפרעגט, ווען זיי זיינען געזעסען אין טראג־שטוהל.

— הא, פאפעיא? — האט יותם צעשטרייט א זאג געטאן.

— יע, פאפעיא.

— א פרוי, ווי אלע פרויען, — און יותם האט באלד מיט וועהטאג דערפיהלט, אז זי איז פאר איהם ניט קיין פרוי

ווי אַלע זיינע, און ער האָט זיך אַביסעל פאַרשעמט פאַר'ן אומאויפריכטיגען טאָן.

— יותם, יותם, אַלץ דער זעלביגער יותם, — האָט חנינה געזאָגט און האָט זיך בעסער איינגעוויקעלט אין מאַנטעל.

III.

ער האָט געזעהן פּאַפּעיאַן און זיין האַרץ איז שוואַך געוואָרען.

און ער האָט ווידער מיט וועהטאָג דערפיהלט, אַז דאָס איז זי, וואָס האָט פאַרנומען דעם הינטער־גרונט פון זיין לעבען... דאָס איז זי, פּאַפּעיאַ, וועלכע איז געווען די אורזאַך פון זיין בענקען נאָך אומבאַשטימטעס, — די אורזאַך פון זיין טרויער.

ווי אַזוי האָט ער זיך ביז אַהער ניט אַנגעשטויסען?...

פּאַפּעיאַ האָט אין זיין האַרצען געוואוינט די גאַנצע צייט... און ער האָט געמיינט, אַז ער האָט זיך שוין איינגאַנצען פון איהר באַפרייט!

אַז ער איז צו זיך אַהיים געקומען, האָט ער מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז ער איז פון דעם קרייז, וואו זיין לעבען האָט זיך געדרעהט, ארויסגעוואָרפען געוואָרען. עפּעס איז ער גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען. עפּעס האָט איהם זיין אייגענע הויז פרעמד גענומען אויסקוקען.

ער האָט געבענקט, און ער האָט זיך געפיהלט איינזאַם און פאַרלאַזען.

איינמאַל, ווען ער איז אַזוי פאַר'ן הויז געזעסען און

געקוקט פאר זיך אין דער פארטראכטער ווייטקייט, האט פון וועג זיך אפגענויגט א טונקעלע פיגור און האט זיך גענר־מען דערנעהנטערן צו איהם.

ער האט דערקאנט יהודה'ן און ער האט זיך דערפרעהט.

— יהודה! — האט איהם יותם באגעגענט. — איך בין זעהר צופרידען. — קום אריין אין הויז, וואש ארום דיינע פיס...

יהודה איז פויל נאך איהם נאכגעגאנגען, אזוי ווי ניט ווילענדיג. זיינע אויגען זיינען געווען שטרענג. זיינע ליפען פעסט צענויפגעפרעסט.

— נו, יהודה, ווי קומסטו אהער? — האט איהם יותם גענומען פרעגען.

יהודה האט געגעסען זיין ברויט מיט האניג, און איז געווען פארטראכט.

— איך קום איצטער פון כפר־נחום, — האט יהודה גע־רעדט, ניט קוקענדיג אויף יותמ'ן. — מיר האבען זיי אלע דערעסען...

יותם האט געוואוסט וועמען ער מיינט, אבער ער האט געמאכט א מינע, אז ער וויים ניט. ער האט געפרעגט:

— וועמען מיינסטו, יהודה?...

— זיי אלעמען, — האט יהודה א מאך געטאן מיט'ן האנט. — איך האב זיי פיינט!...

— און איהם אויך? — האט יותם געפרעגט.

— איהם נאך מעהר! — האט יהודה מיט כעס גע־ענטפערט.

יותם האט זיך פארטראכט.

יהודה האט נאכאנאנד געגעסען און געטרונקען. ער האט געשוויגען.

מיט אמאל האט ער זיך א ווענדע געטאן צו יותמ'ן:

— דו קאַנסט אפשר איינער א מרים פון מגדלה? — האָט איהם יהודה געפרעגט און שאַרף אַנגעקוקט.

יותם האָט פאַרדעכטיג א קוק געטאָן אויף יהודה'ן, און ער האָט פּאַמעלאַך איבערגעפרעגט:

— מרים פון מגדלה? — יאָ, איך קאָן א פרוי מיט דעם נאָמען. אָבער קענען וואָס פרעגסטו עס?...

— אַזוי זיך, יותם, — האָט יהודה א זאָג געטאָן. — איך האָב געוואָלט וויסען.

יותם האָט געצויגען מיט די אַקסלען.

— וואָס איז דיר דאָ קשה! — האָט יהודה זיך מיט אַמאָל פאַנאַנדערגעלאַכט, און זיין געלעכטער האָט געקלונגען צערייצט און אומאַנגענעהם. — די מרים איז עפּעס אַזא משיקאווע פרוי... איך האָב נאָך אַזא קיינמאָל ניט באַגעגענט...

יותם האָט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען.

— יע, איך האָב געהערט, — האָט ער פאַרטראַכט געזאָגט, — און וואָס איז מיט איהר?...

— זי האָט זיך אַנגעשלאָסען אָן אונז, און געהט אונז נאָך ווי א שאָטען, — האָט יהודה גערעדט. — מיט א צייט צוריק האָט זי זיך געוואַלגערט אין אַלע שענקלאָך. געווען באַקאַנט ביי די אויסוואָורפען אַלס מרים די רויטע... פאַר איהר פלעגען זיי זיך אַלע שלאָגען... איצטער שלעפּט זי זיך נאָך נאָך אונז.

— איז וואָס? — האָט יותם געפרעגט.

יהודה איז געוואָרען אומגעדולדיג.

— זי רייצט שרעקליך אויף — האָט יהודה באַוועגט גערעדט. — שטעל זיך פאָר, אַז זי האָט פאַר קיינעם קיין ברעקעל אויפמערקזאַמקייט ניט, אויסער פאַר איהם...

יותם האָט געשמייכעלט:

— אָה, יהודה, איך פאַרשטעה שוין...

— דו פארשטעהסט גארנישט! — איז יהודה געוואָרען אין כעס. — איך קאָן זי ניט פארטראָגען!... אויב זי וועט זיך ווייטער נאָך אונז נאָכשלעפּען, וועל איך זי דערשטיקען!... און דאָ האָט ער זיינע הענט אויפגעקוועטשט, ווי ער וואָלט שוין ווירקליך איהר האַלז מיט זיינע הענט געדריקט.

— וואָס איז מיט דיר, יהודה? — איז יותם געוואָרען אומרוהיג.

יהודה האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז צופיעל געגאַנגען. האָט ער אַ שמייכעל געטאָן, און געזאָגט:

— אָבער פאַרוואָס זאָלסטו ניט פאַרשטעהן, אַז אַזאַ פרוי אין דער געזעלשאַפט פון מענער, איז ניט קיין קוואַל פאַר קיין ריינע מחשבות... און איך פאַרשטעה ניט, ווי אַזוי ער קאָן עס דולדען...

— אפשר איז ער פאַרליעבט. — האָט יותם נאַאיוו געזאָגט.

יהודה האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— ער פאַרליעבט! — וואָס רעדסטו, יותם...

יותם האָט געקוקט אויף יהודה'ן און האָט געשוויגען. דער גאַנצער געשפּרעך איז איהם געוואָרען דערווידער.

יהודה איז אויך אַנשוויגען געוואָרען. ער האָט מעהר ניט גערעדט וועגען דעם. און ווי עס איז געקומען אָוונט, האָט איהם יותם געבעטען ער זאָל געהן מיט עסען, אָבער יהודה האָט זיך ענטזאָגט, און האָט זיך געקליבען אין וועג.

עס האָט ניט געהאָלפען, וואָס יותם איז צו איהם צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל דאָ מיט איהם פאַרבלייבען איבערנאַכט. יהודה איז געבליבען ביי זייניגע. ער מוז וואַנדערן. ער מוז געהן. ער קאָן אויף איין אָרט ניט בלייבען.

און אַזוי איז יהודה פאַרפאַלען געוואָרען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, און יותם איז געבליבען אַליין.

ער האָט זיך איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל און האָט זיך פאַרקליבען אין ווייןֿגאַרטען.

אויסציהענדיג זיך אויפ'ן גראַז, האָט ער מיט אַן איבערגעפילטען האַרץ זיך איבערגעגעבען דעם איידעלען אָבער וועהטאָגדיגען געפיהל פון בענקשאַפט.

אין זיין האַרצען, אין זיין לייב, האָבען געשפּיעלט די זודיגסטע פאַרלאַנגען און תאוות: ער האָט צו פּרויען מיט דעם גאַנצען פייער פון זיין בלוט זיך געריסען — און דאָך האָט ער געלעבט ווי אַ נזיר. ער איז דאריבער פאַרבליבען אומפאַרהייראַט. ער האָט שטענדיג געזוכט אויסצעמיידען אַ צוזאַמענשטויס מיט פרעמדע לעבענס.

אָבער פאַרוואָס איז ער אַזוי צערודערט?...

קוקענדיג אין דער טיפעניש פון דער נאַכט, האָט ער דערפילט, ווי אַ גרויסע אומרוה האָט איהם אַרומגענומען.

און וואוהין ציהט זיין לעבען?...

רוה און פרידען האָט די שטילע נאַכט אַרומגעשפּרייט. די זודיגע ריחות פון די בלומען האָבען געדעגנט — און איבער'ן קאָפּ איז געהאַנגען דער אייביג טיפער, אומפאַרשטענדליכער הימעל.

אַ כוואַליע פון וואַרימקייט און לעבען איז אויף איהם אַנגעקומען.

עס האָט איהם אין ערגעץ געצויגען.

ער האָט זי געזעהן:

אויסגעצויגען אויף די זיידענע קישענס מיט איהר ווייכען, וואַרימען און שמעקעדיגען לייב, מיט'ן פיין געשניטענעם קאָפּ און מיט די רייכע שפּונען גאָלדענע האָר.

זיין האַרץ האָט געציטערט.

איהרע ווייסע, לאַנגע און גוט געפאָרמטע פיס, פאַרלענט איינע אויף די אַנדערע, און די פאַררונדעטע היפטען, האָבען זיך פאַר איהם איצטער שאַרף אָפּגעדרוקט אויפ'ן

שווארצען גרונט פון דער נאכט, און א ברענענדיגער באגעהר האט איהם באהערשט.

און וואס האט זי גערעדט?...

איהר באשטימונג אויף דער ערד איז צו פארשאפען פרייד, — האט זי איהם שמייכלענדיג געזאגט, — איז דען דאס פרייד, וואס זי האט אין זיין הארצען אריינגעבראכט?...

אבער וואס איז מיט איהם?...

און אפשר איז אין דעם שולדיג דער פריהלינג?...

ער האט געטראכט, אז עס קאן זיין, אז ער האט ביז אהער געלעבט אין טעות. און עס קאן זיין, אז דאס אמת גרויסע לעבען פאנגט זיך אן דעמאלט, ווען מען פארבינדט דעם אייגענעם לעבען מיט א צווייטען.

יע, איהרע אויגען זיינען העלע, גרויסע און מילדע: זיי גנב'ענען זיך אריין גלייך אין הארצען. — און וואס האבען זיי דארטען אנגערירט?...

ער האט געקוקט אין דער נאכט און קיין רוה ניט גע־פונען.

ער האט גענומען טראכטען פון פארשידענע זאכען.

יהודה איש־קריות, איז אן אומרוהיגער גייסט, — האט ער געטראכט, — ער קאן ניט בלייבען זיצען אויף איין ארט... ער מוז האבען טעטיגקייט כדי זיך צעשטרייען... איהם איז אומעטיג, — אט שלעפט ער זיך ארום מיט מענשען, צו וועלכע ער האט קיין באציהונג ניט... ער איז דער קאסירער, פארוואלטעט זייער פארמעגען, און איז געצוואונגען אויסצור־הערען יעדען טאג די זעלביגע רייד, און אלץ דערפאר, ווייל איהם איז אומעטיג... שמעון, איז שוין גאר אנדערש. ער איז אן איינפאכער מענש, וויים ניט פון קיין חכמות... ער האט פארלאזען די נעצען, ווייל ער האט ווירקליך געגלויבט אין דעם מענשען... אמת, ער איז אביסעל א פוילער, אבער ער

איז אַ גוטער, אומבאַהאָלפענער מענש. אין גרונט אַן אמת'ע נאַטור — און דאַך קאָן ער אַמאָל זאָגען ליגען...

אָבער פאַרוואָס האָבען איהרע פרישע, פייכטע ליפּען אַזוי שטאַרק געקושט זיינע ליפּען?... פאַרוואָס האָט זי איהם אַזוי געברענט?...

זיין האַרץ האָט פון אויפרעגונג געציטערט.

עס האָבען געבליהט די ווייַנשטאָקען. עס האָבען די יונגע טרויבען און פּאָמעראַנצען געעפענט זייערע קנאָספּען און די בלומען האָבען געשפּריים שאַרפע, זודיגע ריחות. — ערגעץ האָט אַ האָן געקרייט.

האַלבע נאַכט און זיין האַרץ איז וואַך. דער שלאָף איז פון זיינע אויגען פאַרשוואונדען.

און פאַרוואָס קאָן ער ניט רוהען?

ער האָט קיין ענטפער ניט געקאָנט געפינען. עס האָט איהם אין ערגעץ געצויגען — צו פּאַפּעיאַ'ן.

אויף מאָרגען איז יותם אַרומגעגאַנגען ווי אין חלום. ער האָט ניט געוואוסט וואָס אָנהויבען צו טאָן. אַ וועהטאָג האָט געדריקט זיין האַרצען, פאַר זיינע אויגען האָט זיך אויס־געשפּרייט אַ נעבעל. ער האָט קיין זאַך קלאָר ניט געקאָנט זעהן: עס האָט איהם געשווינדעלט אין די אויגען.

מיט אַמאָל האָט זיין האַרץ אין ערגעץ אַ ציה געטאָן. ביי איהם איז געבוירען געוואָרען אַ באַשלוס: קיין ירושלים...

ער האָט אָנגעזאָטעלט דעם פערד, און אַ ווייַלע שפּע־טער האָט ער זיך, ווי אַ פייל פון בויגען געטראָגען אויפ'ן וועג צו שכם.

די זון האָט געברענט זיין קאָפּ, אָבער ער האָט גאָרניט

געפיהלט, ער האט זיך ווי א ווינט געטראגען, ציהענדיג נאך זיך א וואלקען פון שטויב.

צום אווענט האבען זיך גענומען זעהן די דעכער פון ירושלים.

IV.

יותם האט אין הויף איבערגעגעבען זיין פערד א האלב נאקעטען מורין און איז גלייך ארויף אויף דער מארמארנער טעראסע.

אין וועסטיבול האט איהם באגעגענט דער שווארצער קנעכט מיט די גרויסע נאז־רינגען.

יותם האט איהם בלאנק אנגעקוקט, ניט פארשטאנען, וואס דער קנעכט האט צו איהם געמאכט מיט די הענט, און איז ווייטער געגאנגען.

ער האט פאנאנדערגענומען די געוועבטע דמשק׳ער פארהאנגען און איז אריין אין א גרויסען, וואויל שמעקעדיגען צימער, וואס איז געווען באלויכטען מיט פארפומירטען אויל.

דער צימער איז געווען ליידיג.

באלד האבען זיך פון דער אנדער זייט פאנאנדערגענומען א פאר שווערע פארהאנגען, און געוויקעלט אין שווארצען געוואנט, איז אריינגעקומען פאפעיא.

יותם האט אויף איהר אנגעשטעלט זיינע אויגען.

פאפעיא האט איהם גלייך ניט באמערקט און איז געגאנגען מיט לייכטע טריט צום ווייך־געבעטען געלעגער. מיט אמאל האט זי א קוק געטאן אין דעם זייט, וואו יותם איז געשטאנען. זי האט לייכט אויסגעשריען:

— ווער איז עס ! ?

יותם איז צו איהר צוגעגאַנגען, זיך געבוקט און שטיל געזאָגט :

— פרידען צו דיר, פּאַפּעיא.

זי האָט איהם דערקאַנט. אַ שמייכעל האָט פאַרביטען דעם איבעראַשטען אויסדרוק :

— יותם ? — און זי האָט איהם מיט פאַרגעניגען אָנגעקוקט.

יותם האָט צו איהר גערעדט :

— איך, יותם, דער זוהן פון נדב, בין, פּאַפּעיא, געקומען דיך בענשען פאַר דער גרויסער מתנה, וואָס דו באַוויזסט, אַריינצעפּליסען אין די הערצער פרייד און טרויער.

זי האָט איהרע גרויסע אויגען פון יותמ׳ען ניט אַראָפּגענומען. זי האָט געשמייכעלט :

— שעהן געזאָגט, טייערער... ביזטו דאָ אַליין, אָהן דיין פריינד חנינה ?

— אַליין בין איך צו דיר געקומען.

— איך בין זעהר צופרידען... זעץ דיך, יותם... איך בין נאָך פּייכט. — נאָר וואָס פון וואַשען זיך...

זי האָט אַביסעל לויז געמאַכט דעם שוואַרצען געוואַנט, און די ווייסקייט פון האַלז און ברוסט האָט אַ בלענד געטאָן. אַ שמעקעדיגע וואַרעמקייט האָט פון דאָרט אַרויסגעשטראָמט. איהרע ווייכע האָר זיינען נאָך פאַרצווייגען געווען מיט אַ טוי.

יותם האָט אויף איהר געקוקט און זיין האַרץ האָט געוועהטאָגט.

פּאַפּעיא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם געלעגער און האָט געגעבען אַ צייכען צו יותמ׳ען, אַז ער זאָל זיך נעבען איהר אַראָפּלאָזען.

יותם האט זיך געזעצט צו איהרע פיס. ער האט גע־רעדט:

— איך בין געקומען צו דיר, פּאַפּעיא, ווייל דו האסט מיין גלייכגעוויכט צעשטערט. דו ביזט אריין אין מיין האר־צען און אלץ איבערגעוואויגען אויפ'ן צווייטען זייט — און מיין רוה איז פאר מיר גערויבט...

זי האט אויף איהם געקוקט ווייך און רוהיג. זי האט גערעדט:

— דער טעות פון אייערע ברידער, פילאזאפען, באַ־שטעהט אין דעם, וואס איהר רעכענט ניט אריין דער פרוי אין אייער לעבען... איך מיין, איהר לייב. ייען איהר וואלט אז דער פרוי ניט פארגעסען, און זי אין אייער לעבען אריינגענומען, וואלט אייער גלייכגעוויכט קיינמאל ניט צע־שטערט געווארען... די גריכען פארשטעהען עס אנדערש, ווי די אידען... ביי זיי געפינען זיך ניט אזעלכע, וואס זאלען פריי־דיגען געשלעכטלאזיגקייט... ביי די גריכען איז געשלעכט א זאך, וואס איז מיט אלץ פארבונדען...

יותם האט גערעדט:

— איך וויים ניט; עס קאן זיין, אז עס איז א טעות. — אבער, מיין לעבען איז ביז אהער געלאפען, ווי א רוהיג וואסער, אז קיין זאך זיך ניט אנגעשטויסען... איצטער האב איך זיך אן דיר אנגעשטויסען, פּאַפּעיא...

זי האט געשמייכעלט:

— דו ביזט א קינד... נעהם מיך, איך גיב זיך דיר איבער. צי דען האסטו ניט באמערקט, יותם, זוהן פון נדב, אז איך גלוסט נאך דיר?

יותם האט געציטערט.

און זי האט געזאגט:

— אויב אין מיר איז דא פרייד — נעהם!...

יותם האָט מיט אָפּגעהאַקטען אָטעם געךעדט:

— מיר, פּאַפּעיאַ, איז ווינציג דיין ליעב... מיר איז ווינציג דיין ליעבעס־עקסטאַז, מיט וועלכען דו ווערסט מיך אויך אָנשטעקען אויף אַן אויגענבליק... דאָס וואָס איך באַגער — איז דיין וועזען, דיין גאַנץ לעבען... איך וויל, אַז אַלץ וואָס אין דיר זאָל זיך אין מיר איבערגיסען, — דו זאָלסט פאַרשלונגען ווערען אין מיר... דו, אַלס פּאַפּעיאַ, זאָלסט אויפהערען צו זיין... דו זאָלסט...

יותם איז געבליבען שטעהן אין מיטען. — זיין האַרץ האָט צופיעל געשטורעמט.

רוהיג און לאַנגזאַם האָט פּאַפּעיאַ איבערגעצויגען איהר האַנט איבער זיין שטערען, איהם אָנגעקוקט מיט גוטע אויגען און געזאָגט:

— ווי שטאַרק עס מוז וועה טהאָן דיין האַרץ, — דיין האַרץ, וואָס ווייס נאָך ניט פון אַ פרוי... אַזוי ריידען מענער, וואָס זיינען קיינמאָל מיט קיין פרוי ניט געווען... איך, אָבער, האָב אין מיין לעבען פיעל מענער געקאַנט... איך קאָן דיר, יותם, ניט פאַרשטעהן. פאַר מיר איז די ליעבע פון מאַן אַ זאַך, וואָס באַפרידיגט ניבער מיין געוואוינהייט, אין אַ געוויסען זין — מיין נייגעריגקייט. פאַר דיר איז די ליעבע פון דער פרוי — די גאַנצע וועלט... אויף וויפיעל עס איז פאַר מיר מעגליך — ליעב איך דיך... דו גאַרסט נאָך מיין ליעב — נעהם עס. מעהר ווי מיין לייב קאָן איך דיר ניט אָנבאָטען, ווייל קיין אַנדער זאַך האָב איך ניט...

זי האָט זיך אויפגעהויבען, אָנגענומען אַ הויפען געהאַקטע פייגען און גענומען עסען.

יותם האָט זיך אינגאַנצען פאַרלאָרען: ער האָט געפיהלט די וואַרימקייט, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון פּאַל־

דיגען געוואנט. ער האט דערפיהלט א שווינדעל אין קאפ און האט ניט געקאנט ריידען.

ער איז געבליבען זיצען אומבאוועגט. אויף וויפיעל ער האט געברענט מיט א פארצערענדיגען פייער, אזוי פיעל, אבער, האט אן אינערליכער כח און געפיהל איהם אפגעהאלטען פון צו טאן דאס, וואס ער האט געגלוסט מיט לייב און לעבען.

זי האט אויף איהם מילד און ווייך געקוקט:

— יותם, איך ליעב דיך... דו ביזט אן אמת'ער מאן... אזוי דארף א מאן זיין... דו ביזט אנדערש, ווי די איבעריגע מענער... מיין הויז איז פאר דיר אפען; און ווען דו וועסט נאך מיר געלוסטען — קום, מיין געלעגער איז אלע מאל גרייט פאר דיר. איצטער, יותם, געה אין פרידען. איך ערווארט א באזוך פון א הויך געשטעלטער פערזאן...

יותם האט זיך אויפגעהויבען, געבוקט און איז לאנגזאם ארויס.

אפגעהענדיג מיט'ן פערד עטליכע טריט פון הויז, האט ער באמערקט, ווי פון א צווייטער גאס האט זיך ארייגגעדרעהט א טראג־שטול, געטראגען פון צוויי קנעכט. דער טראג־שטול, באצויגען מיט זיידענע פארהאנגען, מיט'ן רוימישען הערב אויף די זייטען, האט זיך פאמעלאך באוועגט אין דער ריכטונג פון פאפעיא'ס וואוינונג.

— פאנטיוס פילאטוס, — האט יותם צו זיך געזאגט, און ער האט מיט אמאל דערפיהלט, אז ער האט פיינט דעם מענשען, — ער, וועלכער האט נאך קיינעם ניט פיינט געהאט.

ער האט זיך געזעצט אויפ'ן פערד און איז אוועקגעריטען צום בארג זיתים.

די זון איז שוין אינגאנצען פארגאנגען. די נאכט שא־

טענס האָבען זיך גענומען אָנרוקען. די מענשען, וואָס האָ־בען זיך ארומגעדרעהט, האָבען אָנגענומען פלאַכע, באַוועג־גענדיגע פאָרמען. פרויען, טראַגענדיג קרוגען מיט וואַסער אויף זייערע אַקסלען זיינען געגאַנגען צו די ברונעמער. עס האָבען די שעפער געטריבען זייערע טשערעדעס. אימיצער האָט געשפּיעלט אויף אַ פייפעל. פרויען האָבען זיך צווישען זיך איבערגערעדט. קעמלען, באַלאָדען מיט סחורה, האָבען זיך געצויגען פּאַמעלאַך איינער נאָך די אַנדערע אין שטאָדט אריין. אין דער לופט האָט זיך געפיהלט דער ריח פון רויך און צוגעברענטס.

צו פוסען פון בארג זיתים איז געווען פאַרזאַמעלט אַ גרויסער עולם. עס האָט זיך אין דער לופט געטראָגען אַ טו־מעל און גערייידעריי, גלייך ווי די מענשען וואָלטען אין עפּעס ניט געקאָנט מסכים זיין איינע מיט די אַנדערע.

יותם איז אראָפּ פון פערד און איז צוגעגאַנגען צום בארג. ער האָט פון דער זייט אונטערגעהערט, ווי איין פרוי האָט געזאָגט צו דער אַנדערער: מיין טאָכטער איז שוין זינט עטליכע יאָהר קראַנק, קאָן פון בעט ניט אראָפּ. — אפשר, וועט ער זי העלפען.

— געוויס. — איז געקומען אַן ענטפער פון אַ צווייטער פרוי. — אָט איז חנה, דער אַלמנה׳ס טאָכטער געווען יאָהרען לאַנג קרעציג... איצט איז זי געזונט און פריש. ער האָט זיך אָן איהר אָנגעריהרט...

אַ מאַן, וואָס האָט זיך זעהר געשפּאַרט אין געדרענג, האָט געשריען:

— ער איז געדרעכט! די בלוט־זויגער זויגען אויס דאָס בלוט פון אָרימען פאָלק.

— שווייג, וואָס שרייסטו! — האָט איהם אימיצער אָפּגעהאַלטען.

— דאס ביזטו, נתן ? ! זיי שטיל, ער רעדט...

פון בארג האט אימעצער גערעדט מיט א שטימע, וואס האט אזוי ווי פארשטיקט געקלונגען.

יותם האט זיך צוגעקוקט צו דעם יעניגען, וואס איז געשטאנען העכער אויפ'ן בארג, קעגען גאלד־געלבליכען גרונט פון הימעל און זיך פלאך געצייכענט, ווי א באוועגליכער שאטען אויף א לייוונט.

ער האט איהם דערקאנט, און פאר זיך אין דער שטיל אומצעפרידען געזאגט :

— ווידער ער...

די שטימע פון בארג האט זיך צו איהם דערטראגען. ער האט איהם געהערט ריידען :

— ווי איינער וואס דערפיהלט, אז די לעצטע שעה איז געקומען, אזוי פיהל איך דעם אנקומען פון דער הימלישער קעניגרייך... און איך, וואס טראג די שליחות צו דער וועלט, בין עס געקומען אייך אנצוזוקונדיגען. וועה צו די יעניגע, וואס גלויבען ניט אין די שליחות פון הימלישען פאטער! געננוג האט אייער לעבען זיך געוויקעט אין שמוץ אויף דער ערד ! איצטער איז געקומען די צייט, אז איהר זאלט אלע זיך אפרייניגען פון אייערע זינד... געהט צום ירדן און טבל'ט זיך, כדי איהר זאלט קאנען דערשיינען אין קעניגרייך פון הימעל אזוי ריין, ווי איהר זיינט געווען איידער איהר זיינט געקומען אויף דער וועלט...

יותם האט געקוקט אויפ'ן גרויסען עולם און אויף דער שווארצער פיגור פון פריידיגער. א געפיהל פון ווידערווילען האט איהם ארומגענומען : די שטימע פון רעדנער האט אויף איהם איצטער שלעכט געווירקט און איהם אויפגערעגט. ער האט אין דער רגע ניט געקאנט פארטראגען זיינע רייד. איהם איז געווען דערווידער דער שווארצער, האלב־הייזעריי־

נער קלאַנג, וואָס האָט זיך אין זיינע ווערטער געטראָגן ארום. ער האָט איהם איצטער פיינט געהאַט.

— וואָס דראָהט ער אונז! — האָט איינער פון עולם אויסגעשריען. — ערגער, ווי איצטער קאָן שוין ניט זיין!...

— שווייג, נחמיה, — האָט איהם אימעצער איינגע־האַלטען, — שטער ניט די פאַרזאַמלונג.

— וואָס מיר פאַרזאַמלונג! — האָט נתן, א ברייט־ביינינער, געלער מאַן געשריען. — ווער איז ער? ער שטראָפט אונז. זאָל ער זיך אליין אפריהער שטראָפען. לעבט אויך אויפ׳ן חשבון פון קהל!...

דער מאַן, וואָס האָט פון בארג פאַר׳ן עולם גערעדט, האָט אנגעשטעלט די אויגען אויפ׳ן שרייער, און זיין גלייכ־גילטיגער קוק האָט אזוי געזאָגט: גענוג האָב איך זיך שוין פון איהם אנגעהערט אלערליי ווערטער. און באַלד האָט ער ווידער גענומען ריידען צום עולם.

און גערעדט האָט ער אין דעם זעלבען טאָן און געזאָגט: „איך בין דאָס ליכט, און ווער עס וועט מיר נאָכגעהן וועט ניט געהן אין דער פינסטער. איך וועל פון אייך אוועקגעהן און איהר וועט מיך זוכען, און דאָרטען וואו איך וועל זיין, וועט איהר ניט קענען קומען.

— זעהסטו דעם צדיק! — האָט נחמיה געשריען. — מיר וועלען ניט קומען, וואו ער וועט קומען. הלל, וואָלט אזוי ניט גערעדט...

יותם איז געוואָרען אויפגעבראַכט אויף דעם רעדנער, וואָס איז ווי א טויטער געשטאַנען אויפ׳ן בארג, און א צע־רייצטער האָט ער זיך געזעצט אויפ׳ן פערד, און באַלד איז ער געפלויגען איבער׳ן פאַרלאָזענעם וועג.

עס האָט זיין האַרץ וועגען עפּעס וועה געטאָן. ער האָט

געפיהלט, ווי עס שטיקט איהם אין האלז. און וואס איז מיט איהם ?

נאכט איז אנגעקומען.

הויך איבער זיין קאפ זיינען די שטערען געדיכט, ווי הענגלאך ווייניגטרויבען, געוואן אנגעזעצט. איין שטערען מיט א רויטליכען שיין האט זיך אפגעריסען און געטהאן א פליה, לאזענדיג נאך זיך א בלוטיגען שפור אויפ'ן גלאטען הימעל. איהם האט זיך געדוכט, אז דער שטערען טראגט זיך אויף ירושלים.

ער האט א ציטער געטאן: ער האט געהאט א פאר־געפיהל, אז איבער ירושלים היינגט אן אומגליק.

V.

די לעצטע צייט האט זיך יותם ארויסגעשלאגען פון גאנג פון זיין פריהערדיגען רוהיגען לעבען, און ער האט מיט אמאל דערפיהלט, גלייך ווי ער וואלט עפעס פארבראכט א לאנגע צייט אין א זעהר טומעלדיגען פלאץ.

קומענדיג צוריק צו זיין הויז און גארטען און צו זיינע הויז חיות, וועלכע ער האט אזוי ליעב געהאט, האט אויף איהם מיט אמאל אזוי ווי היימישעס און ליעבעס א ווייהע געטאן, און ער האט זיך געפיהלט, גלייך ווי ער וואלט זיך ארויסגעריסען פון א פינסטערען, פארשטיקטען ארט אויף דער פרייהייט, וואו אלץ איז אזוי פריי און גערוים, געזונט און פריש.

און אזוי זיינען פאר יותמ'ען די טעג און מאנאטען געגאנגען, — און ווידער איז געוועזן פריהלינג אין לאנד.

עס האָבען די בלומען געבליהט און געשיקט שאַרפע ריחות איבער דער ערד. עס האָבען געגרינט די פייגען־בוימער און די וויינשטאָקען האָבען זיך פאַנאַנדער געלאָזען.

עס האָבען די פויגעל געזונגען און די טירקעל־טויבען געוואָרקעט, — און א טיעף בלויער הימעל איז איבער דער גרינקייט פון דער ערד געהאַנגען.

עטליכע טעג פאַר פסח איז צו יותמ'ן געקומען אחז און איהם געפרעגט אויב ער וויל געהן אין ירושלים אויף יום־טוב.

יותם איז געווען צופרידען, וואָס אחז האָט איהם געפרעגט, כאָטש ער האָט ביי זיך געהאַלטען, אז ער וועט ניט געהן אויף פסח אין ירושלים. געווען צופרידען מיט דעם, וואָס דאָס האָט פאַרט איהם געגעבען א געלעגענהייט צו גבור זיין זיך אליין.

— איך פויל זיך, אחז, — האָט יותם געערעדט. — עפּעס, דוכט זיך מיר, איז דאָס א צו גרויסע טרחה.

— לאָמיר געהן, — האָט אחז געבעטען. — מיר איז אומעטיג אליין צו געהן. איך וויל דאָרטען זעהן מיינע קרובים.

יותם האָט געטראַכט:

— און אפשר געהן?...

— זעהסט, אחז, איך וואָלט וועלען געהן, אָבער דאָס האַרץ לאָזט ניט — האָט יותם געערעדט. — איך פיהל עפּעס א גרויסען צער...

אחז האָט געלאַכט:

— זיי ניט קיין קינד, — קום.

יותם האָט געטראַכט:

מען דאַרף געהן.

און ווידער האט ער זיך דערמאנט אז אימעצען, און א ווארימער, גוטער געפיהל, האט איהם איינגעוויקעלט.

— געהן מיר? — האט אחז געפרעגט.

— מיר געהן. — האט יותם געזאגט און ער האט זיך פארגעשטעלט איצטער ירושלים, און ער האט אויך דער־שמעקט דעם ריח און געהערט דעם אומאויפהערליכען טומעל, וואס הענגט איבער דער שטאדט.

אויף מארגען אין דער פריה — מיט'ן אויפגאנג פון מארגען־שטערען, האבען זיך ביידע שכנים אוועקגעלאזען אין וועג אריין.

די מארגען־רויטקייט האט זיך איבער'ן מזרח הימעל גע־נומען פארשפרייטען: — די זון איז אויפגעגאנגען.

דער וועג איז געווארען באלעבט: פון אלע זייטען זיי־נען אנגעקומען מענשען, וואס האבען אלע געהאט דעם זעל־ביגען ציעל — ירושלים. קעמלען און מויל־אייזלען שווער באלאדען האבען זיך פויל געצויגען. א שטויב האט זיך איבער'ן וועג אויפגעהויבען.

די זון איז ארויף העכער און העכער. דער וועג איז געווארען אנגעברענט, און א לייכטער שטויב האט אלץ פאר־צויגען.

יותם און אחז זיינען געגאנגען באזונדער, זיך מיט קיינעם ניט אויפגעמישט און ניט פארקניפט קיין באקאנט־שאפט.

די זון האט געברענט און היים געמאכט דעם זאמד פון וועג. איבער'ן גאנצען שטח, אויף וויפיעל דאס אויג האט בעקאנט פארכאפען, איז געלעגען אויסגעשפרייט אזא מיעדע, אנגענעהמע שלעפעריגקייט, קיין ווינטעל האט ניט געשטערט: בוימער, בושען און גראזען, זיינען ווי פארגליווערט געווארען. די פויגעל, מילדע און רוהיגע, האבען פון די בוימער און וועג

געקוקט אזוי גוט אויף די פארביינגעהער, און אפט צוגעקומען גלייך צו זייערע הענט.

ערטערוויים, איבער די ווייט אויסשפּרייטענדיגע גרינע פעלדער, האבען לאנגזאם און מיט געוויסער ווירדע, געשפּאַצירט די לאנג־פּיסיגע בושאלם, און האבען מיט זייער דערשיינונג נאך מעהר, אומבאוועגליכעם און שלעפעריגקייט צו אלץ צוגעגעבען.

איבער'ן וועג איז געהאנגען א טומעל. מענשען האבען גערעדט נאכאנאנד, אנדערע האבען געזונגען, אנדערע האבען געשריען אויף די קעמלען און מויל־אייזלען און דערביי זיך געזידעלט.

פאר יותמ'ען זיינען געגאנגען דריי דערוואקסענע מענשען, וועלכע זיינען ביי שכם ארויף אויפ'ן וועג, און האבען צווישען זיך גערעדט אויפ'ן קול וועגען דער שלעכטער לאגע אין יהודה.

דער, וואס איז געגאנגען ביים ברעג האט נאכאנאנד געשאטען פעך און שוועבעל אויף די כהנים און פרושים, דערביי האט ער נאכאנאנד געמאכט מיט די הענט און זעהר אפט זיך שארף געזידעלט.

אין אלגעמיין זיינען די אלע דריי געווען יעדערער מיט עפּעס אנדערש אומצופרידען.

איינער האט זיך מיט אמאל אפּגערופען:

— איך וויל אייך עפּעס דערצעהלען... צו אונז אין דארף איז געקומען א מאן מיט א גאנצער חברה, און האט גענומען ריידען וועגען דעם, וואס די פרושים און די איבעריגע, אלע בארויבען און נארען אפּ דאס פאלק... דערנאך האט ער עפּעס גערעדט וועגען א הימלישער קעניגרייך, און זיך אנגערופען משיח...

— עס מוז זיין דער זעלביגער מאן, וואס האט לעבע־

דיג געמאכט יאיר'ס צוועלף יאהריגע טאכטער,—האט דער צווייטער זיך אריינגעמישט.

— לעבעדיג געמאכט א געשטארבענע? — האט דער דריטער זיך געוואונדערט, — וואס רעדסטו?!

אזוי דערצעהלט מען, — האט יענער געענטפערט.

— ווייס איך וואס! — האט דער דריטער א מאך געטאן מיט דער האנט. — אלע דערצעהלען און קיינער האט נים געזעהן!...

יותם האט אויפגעכאפט אלע שמועסען. און מעהר־סטענס האבען די אלע, וואס האבען זיך געצויגען אין ירושלים, גערעדט וועגען דער שווערער לאגע און דעם מאן פון נצרת.

ער האט געפיהלט, ווי אין דעם אינערען פון פאלקס־לעבען הויבט זיך אן פאנאנדערשפיעלען א שטורעם, — און איין גאט ווייסט מיט וואס עס קאן זיך אויסלאזען...

ארום פארנאכט פון צווייטען טאג, האבען זיי דערגרייכט די טויערען פון ירושלים.

פערטער קאפיטעל

א שווערע נאכט.

I.

די פארגעהענדיגע זון האט אפגעגאסען די דעכער און הייזער פון ירושלים מיט א רויטען שיין. די גאלדיג־גלאנ־ציגע דעכער פון בית־המקדש האבען ווי געשמאלצענער מע־טאל, אין א טייך זיך אויסגעשפרייט אנטקעגען דער רויטקייט פון זון, און עס האט זיך געדוכט, אז א שטילער אטעם ווערט פון אימעצען געהויכט אויף דער גאלדענער צעפלאסענקייט. דער טעמפעל, מיט זיינע פליגעל־געביידען און טעראסען, איז געלעגען קעגען דעם גרונט פון דעם פיעל־פארבינען הימעל, אין אבענט־רוהיגקייט און פרומקייט פארזונקען.

יותם האט געקוקט אויף ירושלים, — און דאס הארץ האט איהם וועה געטאן. ער האט זיך דערמאנט אן דעם רויטען שטערען, וואס האט זיך דעמאלט אראפגעלאזען אויף ירושלים... אין דעם מינוט האט ער געפיהלט דעם אטעם פון יענער טונקעלער נאכט, ווען ער האט זיך געטראגען אויף זיין פערד איבער'ן וועג, און האט נאכאמאל געזעהן דעם געדיכט אויסגעשטערענטען הימעל הענגען איבער זיין קאפ — און וואס איז דעמאלט געווען?

יותם האט נאכאנאנד געקוקט אויפ'ן בארג זיתים, וואו צוויי גרויסע צעדערען זיינען געשטאנען, ווי אייביגע עדות

פון וויכטיגע געשעהענישען, און האָבען ווי גערעדט צווישען זיך:

יאָהרען און יאָהרען, אַז מיר שטעהן אַזוי און קומען אויף אַט דעם בנין, און הערען אויס די רייד פון די אַלע פריידיגער — אָבער ניט אויף אייביג: אַלץ איז פאַרגענג־ליך...

יותם האָט איצטער געפיהלט דעם גרויסען אמת, וואָס די צוויי צעדערען האָבען שטום אַרויסגעזאָגט, — און אַ טרויער איז איהם באַפאַלען.

אין שטאָדט האָט זיך יותם פון אחז'ן אָפּגעשיידט: אחז איז אוועק צו זיינע פריינט און יותם — צו חנינה'ן.

חנינה, אַן אויגעפּוצטער, איינגעזאַלבטער, האָט זיך געקליבען אַרויסצוגעהן. דערזעהענדיג דעם פאַרשטויבטען יותמ'ען, האָבען זיינע אויגען אויפגעלויכטען, און ער איז געבליבען שטעהן מיט אַ האַלב געעפענטען מויל:

— יותם? — פרידען צו דיר! זיך ניט געריכט...

יותם האָט שווערמוטיג געזאָגט:

— געקומען אויף יום־טוב.

חנינה איז באַלד אריין אין זיין געוועהנליכען גוטען און לייכטען טאָן און האָט מיט זיין נאַטירליכער אָפענהער־ציגקייט גענומען אויסדריקען זיין צופרידענקייט, וואָס יותם איז געקומען אויף יום־טוב.

— נאָר דו ביזט פאַרשטויבט און שמוציג, ווי אַ שע־פער! — האָט חנינה געלאַכט. — וואַש זיך אָרום און לעהן אונטער דיין האַרץ. — דערנאָך וועלען מיר אַביסעל אַרויס אין דרויסען: ירושלים איז יום־טוב'דיג, דערהויפּט די מייד־לאַך... — דאָ האָט ער זיך פריילאַך פאַנאַנדערגעלאַכט.

יותם האָט געקוקט אויפ'ן אויפגעלעבטען פריינט;

— איך בין מיעד, חנינה... אויב דו ווילסט — נעה... איך וויל אביסעל אפּרוהען.

— אַרימער יותם, מיעד, — האָט חנינה אָנגעשטעלט אַ פּאָר ליפּען, ווי אַ קינד,—יותם מיעד, דער שטאַרקער יותם מיעד, — און חנינה האָט לוסטיג געלאַכט.

יותם האָט גוטמוטיג געשמייכעלט.

— איך וועל דיר, מיין ליעבער גאַסט, אליין ניט לאָזען — האָט חנינה גערעדט און דערווייל פון זיך אראָפּגעוואָרפען דעם אויבערשטען מאַנטעל.

די דיענער האָבען יותמ'ען ארומגעוואַשען און איהם אויסגעשמירט מיט שמעקעדיגע אוילען. דערנאָך, ווען יותם האָט אָפּגעגעסען זיינען זיי ארוים אין גאָרטען.

דער אָבענד האָט געוויקעלט דעם גאָרטען אין שאָטענס. איבער די הייזער האָט זיך געהויבען די לבנה.

ביידע פריינט האָבען אַ היבשע ווייל געשוויגען, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געקליבען איינער דעם אנדערען וואָס וויכטיגעס צו דערצעהלען.

חנינה האָט דער ערשטער אָנגעהויבען:

— ווייסט, יותם, אַז פּאַפּעיאַ האָט דיך פיעל מאָל דערמאָנט.

איבער יותמ'ס געזיכט איז אַ שאָטען איבערגעפלויגען.

— זי האָט מיך דערמאָנט, — האָט ער אַזוי זיך אַ זאָג געטאָן, און ער האָט דערפיהלט אַ טיעפען וועהטאָג.

זעהר פיעל מאָל דערמאָנט, — האָט חנינה ווייטער געצויגען.

יותם האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט קיין איין וואָרט ניט ארויסגעזאָגט.

שפּעטער האָט ער געפרעגט חנינה'ן, ווי אַזוי ער האָט פאַרבראַכט זיין צייט.

חנינה האט איהם דערצעהלט, אז ער איז געווען אין אלעקסאנדריע, פארבראכט דארטען צוויי חדשים. פאר דער צייט האט ער זיך באקאנט מיט פיעל באריהמטע אידישע און גריכישע פערזענליכקייטען — ווי אויך מיט פרויען־שעהנ־הייטען. און דא האט ער זיך פאנאנדערגעלאזט אין דערצעה־לען די וואונדער פון אלעקסאנדריע.

— אין אלעקסאנדריע האבען זיך אנגעשטויסען צוויי אנשויאונגען: די גריכישע און די אידישע, און אויך צוויי פרויען־טיפען: אפראדיטע און שולמית. — האט חנינה גערעדט. — זייענדיג אין אלעקסאנדריע איז שווער אויסצו־מיידען אט די צוויי אנשויאונגען און די צוויי מינים שעהנ־הייטען.ביידע זיינען נויטיג איינע פאר די אנדערע. ביידע פיהלען אוים איינע די אנדערע: וואס ביי איינער איז אי־בעריג, איז ביי דער אנדערער ווייניג. אבער ביידע צעזאמען — פאלקאמענע גאנצקייט...

יותם האט געלאכט:

— דאס ווייזט, אז אויב א מענש וויל דערגרייכען פאל־קאמענהייט, מוז ער זיך פארבינדען מיט אפראדיטע און שולמית....

— און פארוואס ניט? — איז חנינה אריינגעפאלען אין זיין טאן.

— אבער מיין ליעבער חנינה, — האט יותם גערעדט, ווי מען רעדט צו א געצערטעלט קינד, — ווער עס האט צוויי, האט אמאל גארניט... דו ביזט אפשר גערעכט: צווישען די צוויי, אין גרונט פארשיידענארטיגע פעלקער, איז דא א גרוי־סע קרובה'שאפט, אבער דו וועסט אט די צוויי באזונדערע פעלקער קיינמאל, קיינמאל ניט קענען צענויפשמעלצען. באטש אויפגעגאסען צעזאמען, וואלטען זיי געקאנט אויסביל־דען דעם שעהנסטען מין מענשען...

— ווער דאַרף עס! — האָט חנינה אַ זאָג געטאָן.
— דאָס, וואָס איך וויל דיר אויסברעננגען איז, אַז אַלעקסאַנ־דריע איז אָנגעפיהלט מיט אַזוי פיעל שעהנהייטען, אַז עס בלענדט פּשוט די אויגען. די פרויען זיינען מערקווירדיגע. מיט איין פרוי האָב איך אַ גאַנצע נאַכט גערעדט וועגען הער־קאַליט און פּלאַטאָ. בעסער געזאָגט: זי האָט גערעדט. דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַביסעל ניט קלאָר אין די ענינים...

יותם האָט זיך צוגעהערט, וואָס זיין פריינד האָט גע־רעדט, אָבער זיין קאָפּ איז ניט געווען דערביי, ער האָט גע־טראַכט פון עפּעס אַנדערש.

איבער׳ן גאָרטען האָט זיך געשפּרייט אַ רוהיג קאַלטע ליכט. דער הימעל האָט זיך געוועלבט מיט אַ העל־דורכזיכ־טיגער בלויקייט.

פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגען אַ טומעל, גלייך ווי אַ וואַסער וואָלט נאָכאַנאַנד געפּלאַסקעט. צייטענווייז האָט זיך איבער׳ן דורכזיכטיגען בלוי פון הימעל פאַרשפּרייט אַ רויטער אָפּשיין. אויף די בערג אַרום ירושלים האָט מען פייערען אויסגעלעגט.

אַ שאָטען פון אומבאַשטימטער מורא האָט זיך פּלוצלינג איבער יותמ׳ען פאַרשפּרייט. ער האָט געהאַט אַ געפיהל, אַז איהם שטעהט וואָס פאָר. עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז אַ פרעמדער אָטעם בלאָזט איבער זיין קאָפּ.

ער האָט זיך אַרום געקוקט: עס האָט איהם אויסגעזעהן, אַז אימעצער דרעהט זיך פון הינטער זיין רוקען. אָבער קיי־נער איז ניט געווען אין גאָרטען אויסער ער און חנינה.

אַ קאַלטער ווינט איז אַריבער זיין לייב. ער האָט דערפיהלט אַן אומדערקלערליכע שרעק. דאָס האָר פון קאָפּ האָט איהם גענומען שמערצען.

און וואָס איז מיט איהם?...

ער האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט:

— חנינה, אויב דו ווילסט, געה איך מיט דיר... מיר איז דא עפּעס אומהיימליך..

— אט אזוי, יותם, רייד! — האט זיך חנינה דער־פרעהט. — קום וועלען מיר פארברייננגען די נאכט אין פרעה־ליכקייט.

און חנינה האט זיך אויפגעהויבען.

באלד זיינעןביידע פריינט געווען אין גאס.

II.

די גאסען פון ירושלים זיינען געווען באגאסען מיט לבנה־ליכט. די שטיינער האבען זיך געוויסט, גלייך ווי זיי וואלטען מיט פראסט געווען פארשאטען.

כאטש די נאכט האט געאטעמט מיט פריהלינג און דער־וואכונג, פונדעסטוועגען האט זיך געפיהלט עפּעס אזא פראס־טיג, באזילבערטע פארגליווערטקייט, ניט קוקענדיג, וואס די גאסען זיינען געווען באלעבט פון פרעמדע, וואס זיינען אנ־געקומען אין ירושלים אויף יום־טוב.

דער אנקומען פון פסח האט זיך געפיהלט אין דער לופט. עס האט געשמעקט מיט פרישע מצה און געפרעגעלטס. מייד־לאך און פרויען, מיט קריג אויף די אקסלען און קערב אויף די קעפּ, האבען ווי סילועטען זיך געגליטשט אין דער זילבער ווייסקייט פון דער נאכט. עלטערע פרויען זיינען געזעסען פאר די הייזער און צווישען זיך גערעדט וועגען יום־טוב, וועגען מצה, און די מענער האבען גערעדט וועגען קרבן־פסח.

חנינה האָט געשמייכעלט צו יעדער שעהנער פרוי, וואָס ער האָט אויפ'ן וועג אַנגעטראָפען. דערביי האָט ער אַלע מאָל פון דער זייט מיט'ן עלענבויגען געגעבען צו פיהלען יותמ'ען, אז די, אדער יענע איז א פרוי מיט וועלכער מען קאָן פאַר־ברייננגען. יותם פון זיין זייט האָט איהם ניט געשאָנקען קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, ער האָט איצטער געטראַכט, וואו קען מען טרעפען יהודה איש־קריות.

ער האָט געוואוסט, אז דער מאַן פון נצרת איז איצטער אין ירושלים, און אז יהודה איש־קריות איז מיט איהם, ווי אַלעמאָל, — און ער האָט זיך זעהר געוואָלט זעהן היינט ביי־נאַכט מיט יהודה'ן.

ניט ווייט פון טייך קדרון זיינען זיי א ווייַלע געבליבען שטעהן. עס האָט זיך מיט אַמאָל פון יענער זייט גאָרטען דערטראָגען א טומעל פון מענשען, וואָס האָבען הויך גערעדט און געשריען.

— וואָס איז דאָס?

יותם און חנינה האָבען גענומען געהן אין דער ריכטונג, פון וואַנען דער טומעל איז געקומען.

באַלד האָט זיך פון גאָרטען ארויסגעריסען א מאַסע מענשען, וואָס האָבען צווישען זיך פון עפּעס גערעדט און געטומעלט זיך אָן אַן אָרדנונג. אַלע זיינען געווען אויפגע־רעגט.

דערנאָך איז פון גאָרטען ארויס א קאָמפּאַניע מיט פאַ־קעלען.

דער רויטער שיין פון די אויפגערעגטע פאַקעלען האָט אַפּגעגאָסען דעם טומעלדיגען עולם, און עס האָט מיט אַמאָל א בלאַנק געטאָן דער קאַלטער שיין פון וואַפען, וואָס האָבען הייזעריג געקלונגען, אַנקלאַפּענדיג זיך איינע אַן די אַנדערע. רוימישע לעגיאָנערען, אויפזעהער און בעאַמטע פון בית־

המקדש האָבען זיך געוואָרפען אין די אויגען מיט זייערע באַ־זונדערע קליידער. נאָך זיי האָט זיך געשטויסען א גרויסער המון, ווי אַן אַנלויפענדיגער וואַסער.

אַרומגערינגעלט פון סאָלדאַטען און אויפזעהער, איז אין מיטען געגאַנגען א מאַן. אויף וועמען דער רויטליכער שיין פון די פאַקעלען איז געפאַלען און האָט באַלויכטען מיט א זונ־דערבאַר ליכט זיין פאַלקאָם גלייכגילטיגען און אויסגעמאַ־טערטען פּנים.

יותם האָט איהם דערקאַנט.

— דער מאַן פון נצרת, — האָט ער צו זיך געזאָגט, און ער האָט אימעצען א נעהם געטאָן פאַר'ן האַנט און ווייך געפרעגט: גוטער מענש, זאָג מיר, וואָס איז דאָ דער טו־מעל?

— זיי האָבען איהם געכאַפּט! — האָט יענער א זאָג געטאָן און איז אַוועקגעריסען געוואָרען אין שטראָם.

— וואָס איז דאָ? — האָט ער אָפּגעהאַלטען א צווייטען.

— גע'הרג'עט א מענשען! — האָט יענער לויפענדיג א זאָג געטאָן.

אַז אַנדער האָט איהם דערצעהלט, אַז דער כהן גדול האָט געשיקט א קאָמפּאַניע סאָלדאַטען צו כאַפּען דעם מאַן, וואָס האָט גאָט געלעסטערט, און זיך דערקלערט פאַר דעם קעניג פון די אידען.

דער טומעל איז געוואַקסען.

טויזענטער מענשען זיינען זיך פון אַלע זייטען צענויפ־געלאָפען און זיך אַנגעשלאָסען אַן דער פּראָצעסיע. פאַר־שיידענע קולות און געשרייען האָבען זיך פון אַלע זייטען געטראָגען.

— שמייסט איהם מיט ריטער, דעם גאָט־לעסטערער!

— האָט זיך געהערט אַ געשריי.

אַ צווייטער האָט געשריען, אַז מען זאָל דעם גנב, וואָס האָט די לעצטע צייט גע׳גנב׳עט די הינער, פאַרשטיינען.

— ביי מיר צוויי הינער צוגע׳גנב׳עט, געהאַלטען אויף שחט, — האָט ער אויפ׳ן קול געשריען.

— וואוהין פיהרט מען איהם? — האָט יותם יעדערן געפרעגט.

איינער פון דער זייט האָט זיך גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אריין, אַ זאָג געטאָן:

— מען פיהרט איהם צום כהן גדול׳ס שווער, חנן.

יותם האָט אין דעם אויפגעלאַף געזוכט מיט די אויגען יהודה׳ן אָדער שמעון׳ען, אָבער ער האָט זיי ניט געקאָנט געפינען.

יותם האָט אַ נעהם געטאָן חנינה׳ן פאַר׳ן האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— קום, חנינה, לאָמיר זעהן וואוהין מען פיהרט איהם!

— וואָס געהט עס דיר אָן? — האָט איהם חנינה אָפּ־געהאַלטען. — קום, לאָמיר זיך ניט שלעפּען מיט׳ן המון...

יותם האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזען:

— חנינה, מיר מוזען געהן: דאָס האַרץ זאָגט מיר. אַ גרויס אומגליק קאָן געשעהן, — דו קאָנסט ניט דעם פאָלק...

— אָבער וואָס געהט עס דיר אַלץ אָן? האָט חנינה גע׳טענה׳ט. — זאָלען זיי טאָן וואָס זיי ווילען!

יותם איז געוואָרען שטרענג. ער האָט שאַרף געזאָגט:

— חנינה, דו מוזט געהן מיט מיר. איך דאַרף דיך האָבען. דער מענש, וועמען זיי האָבען געפאַנגען, געהט מיר ווירקליך ניט אָן. אָבער איך האָב פאַר איין זאַך מורא...

— פאר וואס האסטו מורא ?
— איך האב מורא פאר זיין טויט.
חנינה האט געקוועטשט מיט די אקסלען.
— שפעטער וועסטו אלץ געוואר ווערען, — האט יותם איהם אנגענומען פאר'ן האנט און מיט זיך, אין שטראם פון מענשען, נאכגעצויגען.
דער גרויסער הויף פון קיפא כהן גדול איז אנגעפילט געווארען מיט מענשען, ניט קוקענדיג, וואס די סאלדאטען און דינער האבען געזוכט אפצוהאלטען דעם שטראם.
יותם האט געבעטען חנינה'ן, אזוי ווי ער קאן זיך פערזענליך מיט'ן כהן גדול, זאל ער ווי עס איז זעהן, אז מען זאל זיי אריינלאזען אינווייניג אין הויז, ווייל ער מוזריידען מיט'ן כהן גדול.
ביים טויער האט יותם מיט אמאל דערזעהן א באקאנט געזיכט:
— דאכט זיך, שמעון ?
ער איז צו איהם צוגעגאנגען.
שמעון איז געשטאנען ביים טויער פון הויף אין דרייען געבויגען. עס האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט זיך שטארק פאר יעדען איינציגען באזונדער געשראקען.
יותם האט פון הינטען ארויפגעלעגט די האנט אויף שמעון'ס אקסעל:
— פריעדען !
שמעון האט א ציטער געטאן מיט'ן גאנצען קערפער, נאר דערקאנענדיג יותמ'ען איז דער שרעק פון איהם אוועק, און ער האט צעפריעדען ארויסגעזאגט:
— יותם !
— שמעון, וואס טוט זיך דא ? — האט איהם יותם גלייך א פרעג געטאן.

שמעון האָט איינגעגנורעט זיין קאָפּ אין געוואַנט, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אימיצער אַנדערש זאָל איהם דערקענען, און ער האָט שטאַמלענדיג אָנגעהויבען:

— זיי האָבען איהם געכאַפּט... יהודה האָט איהם פאַר־קויפט פאַר דרייסיג טאַלער... זיי וועלען איהם טויטען...

— וואָס מיינסטו, יהודה האָט איהם פאַרקויפט? — האָט איהם יותם שטרענג געפרעגט.

— יהודה איז געווען זיין שונא, יהודה האָט איהם ניט געקאָנט פאַרטראָגען, — האָט שמעון גערעדט אין אַ יאָמער־דיגען טאָן. — מיר האָבען עס אַלע באַמערקט. און ער אַליין, איך מיין ישוע, האָט אויך דערפון געוואוסט. נאָך מיט עט־ליכע שעה פריהער, ווען מיר זיינען אַלע געזעסען ביים טיש, האָט ער געזאָגט, אַז היינט ביינאַכט, וועט איהם איינער איי־בערגעבען...

— רעד ניט קיין נאַרישקייטען, שמעון, — האָט יותם געזאָגט. — זיי רוהיג, זיי וועלען איהם ניט טויטען. — און זיך ווענדענדיג צו חנינה'ן, האָט ער געזאָגט: מיר מוזען אַריין אינוויינינג, קום.

יותם האָט זיך אַריינגעריסען אין דעם געזאַמעל און ער האָט מיט זיינע געזונטע אַקסלען און אַרעמס געמאַכט אַ וועג פאַר זיך און חנינה'ן.

— וואָס שטויסטו זיך! — האָט איינער אַ כאַפּ גע־טאָן יותמ'ען פאַר'ן האַנט. — ער האָט מיר שיער אַ זייט ניט אָפּגעריבען!...

יותם און חנינה האָבען באַלד דערגרייכט דעם אַריינ־גאַנג. דאָרטען זיינען שוין געשטאַנען אייניגע מענשען, וואָס האָבען געקאָנט חנינה'ן. מען האָט זיי גלייך אַריינגעלאָזען אינוויינינג.

דער צימער פון כהן גדול איז געווען אָנגעפיהלט מיט

מענשען און די לופט איז געווארען שווער און פארשטיקט. די סופרים און די סנהדרין זיינען געווען אלע פארזאמעלט און געזעסען אויף זייערע פלעצער, און מענשען פון פאלק און אזוי נייגעריגע, האבען זיך געשפארט אין צימער. די באַדינטע האבען זיי געשטויסען אויף צוריק און זיך געזידעלט, אבער די ענגשאפט איז געוואקסען. חנן, דעם כהן־גדול׳ס שווער, און אמאליגער געוועזענער כהן גדול, איז מיט ווירדע און שטרייגקייט געזעסעןביים טיש אויבען אן. נעבען איהם איז געזעסען קיפא, זיין איידעם, א מאן פון א יאהר פערציג, מיט א לאנגע שווארצע פיערקאנטיגע בארד און מיט גרויסע קלוגע אויגען און האט געהאט דעם געלאנגווייליגטען אויסזעהן פון א מענשען, וואס דארף אויספיהרען א זאך, וואס איז איהם ניט שטארק צום הארצען.

ניט ווייט פון זיי איז געשטאנען דער מאן, וועמען מען האט נאר וואס געבראכט געפאנגען.

דער כהן גדול האט איהם געשטעלט פראגען.

אלע האבען זיך געשפארט נעהנטער צום טיש, און די, וואס האבען ניט געקאנט קומען אזוי נאהענט, האבען זיך געשטעלט אויף די שפיץ פינגער און אויסגעצויגען זייערע העלזער, אום צו כאפען א קוק.

מעהר פון די איבעריגע האט זיך געשטויסען א מאן מיט א קליין שווארץ בערדיל און מיט ברייטע שולטערען, האלטענדיג פאריסען דעם קאפ, אום ער זאל קאנען בעסער זעהן. שטופענדיג זיך, האט ער דערווייל ארויפגעטראטען אויף יותמ׳ס פוס, און יותמ׳ס געזיכט האט זיך פארקרימט פאר וועהטאג.

— שפאר זיך ניט אזוי — האט יותם מיט כעס געזאגט.

דער מאן האט ווייך א קוק געטאן אויף יותמ׳ן, און אין

זיינע אויגען איז געלעגען אַזוי פיעל אַנטשולדיגונג און הכנעה, אַז יותמ׳ן איז געוואָרען ניט שעהן פאַר דעם, וואָס ער איז געוואָרען אין כעס, און ער האָט גענומען שמייכלען:

— ענג, זעהר ענג, — האָט ער געלאָזען פאַלען די פּאָר ווערטער אין דער וועלט אריין.

דער מענש וועמען מען האָט אויסגעפרעגט, איז גע־שטאַנען ביים טיש מיט פאַרצויגענע, ארומוואַנדערענדיגע אויגען און האָט געקוקט אַזוי, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלץ וואָס איז פאַר זיינע אויגען געוועזען, איז געמאַכט פון גלאָז: ער האָט ניט געקוקט אויף זאַכען, נאָר דורכגע־קוקט. קיין זאַך איז איהם ניט אַנגעגאַנגען, אַזוי ווי אַ מענש פון אַ פרעמדער וועלט. ארום מויל האָבען זיך די וואַנצען גענעצט, זיינע אויגען זיינען געוועזען רויט, און ווען ער האָט דערפיהלט אַז ער דאַרף וואָס זאָגען, האָט ער שטיל ארויסגעזאָגט די ווערטער און ער האָט ווייטער געקוקט פאַר זיך ווי פריהער.

דער כהן גדול האָט איהם געפרעגט:

— איז דאָס אמת, אַז דו האָסט געוואָלט איינריידען דאָס פאָלק, אַז דו ביזט געשיקט פון גאָט אַלס דער דערליי־זער פון אידישען פאָלק?

ישוע האָט געשוויגען.

דער כהן גדול האָט ווידער געפרעגט:

— איז דאָס אמת, אַז דו גיסט זיך אָן פאַר דעם קע־ניג פון די אידען?

דער מאַן האָט שטיל געענטפערט:

— אַזוי זאָגט איהר...

— מיר זאָגען, — האָט דער כהן גדול שטריינג גערעדט.

— אָבער וואָס זאָגסטו?

— איך זאָג, אַז די קעניגרייך פון גאָט איז נאָהענט.

— האָט ער שטיל ניט קוקענדיג אויף קיינעם געדעדט. — און איך בין אויף דער ערד געשיקט געוואָרען פון הימלישען פּאַטער איינצופלאַנצען ריינקייט און ציכטיגקייט אין אַלע־מענס הערצער, אַז אַלע זאָלען קאָנען דערשיינען געלייטערטע פאַר דעם פּאַטער אין הימעל... איך בין געשיקט געוואָרען צו אייך צו פאַרקונדיגען דעם אייביגען פרידען. די וועלט פון חומר איז טויט, די וועלט פון הייליגען גייסט — אייביג.

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט אַזוי גערעדט, האָט אויף איהם דער כהן גדול געקוקט אַזוי, גלייך ווי ער וואָלט איהם וועלען דורכדרינגען. ווען יענער האָט געענדיגט, האָט ער פאַר זיך פון עפּעס אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך זיך געווענדעט צו די פאַרזאַמעלטע:

— וואָס זאָגט איהר?

אין צימער איז מיט אַמאָל שטיל געוואָרען. קיינער האָט זיך גלייך ניט געכאַפּט, וואָס עס איז דאָ צו זאָגען.

איינער פון די פאַרזאַמעלטע האָט אָבער באַלד אויס־גערופען:

— ער איז אַ גאָט לעסטערער!

קיפאַ האָט זיך אַרומגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט אימע־צען זוכען.

— ווער פון אייך קען עדות זאָגען, אַז דער מאַן, וואָס שטעהט פאַר אונז צום משפט האָט געלעסטערט גאָט בפרהסיא? — האָט קיפאַ געפרעגט מיט אַ שטרענגער שטי־מע, ניט קוקענדיג אויף די פאַרזאַמעלטע.

צוויי מענשען איינגעוויקעלט אין זייערע מאַנטלען, זיי־נען אַרויסגעטראָטען און האָבעןביידע דערקלערט, אַז זיי האָ־בען געהערט דעם גע׳משפּט׳ען זאָגען מיט׳ן אייגענעם מויל, אַז ער וועט פאַרניכטען דעם בית־המקדש און איהם צוריק אויפבויען אין דריי טעג.

אַלע האָבען ביי דער דערקלערונג, אַ קוק געטאָן אויף דעם גע'משפט'ען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך וועלען איבער־ציינען צי קאָן דער מאַן, וואָס שטעהט דאַ אַזוי נידערשלאָגען, ווירקליך טאָן אַזאַ זאַך.

דער כהן גדול האָט זיך צו איהם געווענדעט:

— איז דאָס אמת?

דער גע'משפט'ער האָט זיך ביי דער פראַגע דערלאַנגט אַ טרייסעל, גלייך ווי אימעצער וואָלט זיין לייב מיט אַ קאַל־טער האַנט פּלוצלינג באַריהרט. און ער האָט דעם כהן גדול שטאַר אָנגעקוקט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פרעגען: וואָס וויל דער מאַן?...

דער כהן גדול האָט איבערגע'חזר'ט די פראַגע:

— איז דאָס אמת?

ישוע האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען, גלייך ווי ער וואָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס די נפקא מינא איז, צי ער האָט עס יאָ געזאָגט אָדער ניט געזאָגט.

יותם האָט פון איהם די גאַנצע צייט קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. ער האָט געהיט אַלע זיינע באַוועגונגען.

חנינה האָט אַ ציה געטאָן יותמ'ען און שטיל געזאָגט:

— דער מענש איז אַן אומגליקליכער, — וואָס ווילען זיי פון איהם?

דער ערשטער, וואָס האָט פריהער הויך זיך אויסגע־שפּראָכען, אַז דער גע'משפט'ער איז אַ גאָט־לעסטערער, איז נאָכאַמאָל אַרויסגעטראָטען און געמאַכט די זעלביגע באַשול־דיגונג.

אַ צווייטער האָט אַרויסגעזאָגט:

— ער פאַרדינט דעם טויט.

עס האָט זיך אין הויז מיט אַמאָל דערפיהלט אַ באַוועג־

גונג, ווי ווען א ווינט טוט מיט אמאָל א פאָר איבער די שפּיצען פון ביימער.

אַלע האָבען דעם אורטהייל אונטערגעכאַפּט.

יותם האָט דערפיהלט, אַז די שטימונג פון די פאַרזאַמעלטע איז קעגען דעם געפאַנגענעם: קיינער וועט דאָ איהם ניט פאַרטהיידיגען.

ער האָט זיך אַרויסגערוקט און איז צוגעגאַנגען צום טיש מיט פעסטע טריט און האָט גלייך אָנגעהויבען:

— רבותי! דער מאַן, וואָס שטעהט פאַר אייך צום געריכט איז אַן אומשולדיגער מענש! היט זיך פון פאַרגיסען ריינע בלוט!

אַלע זיינען געבליבען זיצען מיט אָפענע מיילער.

דער כהן גדול האָט אויף איהם אַנגעשטעלט זיינע גרויסע און דורכדרינגענדיגע אויגען, און האָט איהם א פרעג געטאָן:

— ווער ביזטו? איינער פון זיינע תלמידים?

און יותם האָט מיט ווירדע געענטפערט:

— איך בין יותם, זוהן פון נדב, פון שבט בנימין. איך בין ניט פון זיינע תלמידים... אבער, ווער איך זאָל ניט זיין, זאָג איך, אַז דער מאַן, וועמען איהר משפּט איצטער, איז אומשולדיג... ער איז ניט קיין לעסטערער און ניט קיין מורד...

דער כהן גדול האָט איבערגעצויגען זיין האַנט איבער דער גאַנצער באָרד, און האָט זיך געווענדט צו יותמ'ען:

— דערקלער אונז, — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַן אָנגענעהמען קול, — פאַרוואָס אָט דער דאָזיגער מענש, וואָס טראָגט אַריין אין די הערצער און מוחות פון פאָלק א קריינקליכען פיהלען און גייסט, וועלכער בויט פאַר זיי אַזעלכע כשוף'דיגע לופט־שלעסער און גאַנצע הימלישע מלוכות, אין

װעלכע ער װעט זיי קיינמאָל ניט קאָנען אַריינברײנגען. — דערקלער, פאַרװאָס אַזאַ מענש, װעלכער שפּיעלט זיך מיט דער אומװיסענקייט פון פאָלק און בױט אױף דעם נאַאיװען פאָלק־גלױבען, זאָל ניט פאַרדינען דעם טױט? בעסער איי־נער, װי דאָס גאַנצע פאָלק!...

יותמ׳ס אויגען זיינען גרעסער געװאָרען און ער האָט מיט אַ פעסטען קול גערעדט: אױף װיפיעל עס איז אמת, אַז זיין לעבען שטעלט אין געפאַהר דעם װאױלזיין פון פאָלק, אױף אַזױ פיעל איז ער אַ שולדיגער. — אָבער זיין לעבען איז אומשעדליך. בלױז זיין טױט שטעלט אין געפאַהר דעם װאױלזיין פון פאָלק, זיין טױט, געקומען פון אונזערע הענט, — אָט דאָס איז די סכּנה!

װידער האָבען אַלע געשװיגען.

דער גע׳משפּט׳ער האָט געקוקט מיט שטאַרקע אויגען אױף יותמ׳ען און זיין געזיכט האָט אָנגענומען דעם אױס־דרוק, גלייך װי ער װאָלט זיך אָן עפּעס װעלען דערמאָנען. אַ שאָטען פון אַ שמייכעל האָט זיך געדרעהט אַרום די האַלב אױפגעעפענטע ליפּען און האָט דערצעהלט פון גרױסע גלייכ־גילטיגקייט און אומבאַהאָלפענקייט. — און װאָס איז דער חלוק? האָט, דוכט זיך, דער שמייכעל געפרעגט און אין דערזעלביגער צייט אױך געענטפערט: זאָל זיין װאָס עס איז.

אַרום די װינקלען פון זיינע אויגען האָט זיך געװיזען אַ קלעפּיגע פייכקייט אַזױ װי ביי אײנעם, װאָס ליידעט פון שלאָפלאָזיגקייט. די, ערטערװייז, שיטערע באָרד איז אָפּ־געשטאַנען אױף פאַרענט, און עס האָט זיך אױסגעזעהן די מאָגערע, גלאַטע און לאַנגע האַלז.

יותם האָט אױף אַן אויגענבליק אױפגעכאַפּט זיין קוק, און אַ געפיהל פון רחמנות געמישט מיט עקעל האָט איהם

שארף ארומגענומען: ער האט ניט געוואוסט וואס צו טאן און זאגען. די פייכטקייט ארום דעם גע'משפט'ענם אויגען האט איהם מאדנע גערייצט און אין איהם דערוועקט אזא מאדנעם געפיהל פון גרויזאמקייט. א סקרוך איז איבער זיין לייב אריבער.

דער כהן גדול האט זיך איבערגעקוקט מיט די פערזאמעלטע און דערנאך באזונדערס א קוק געטאן אויפ'ן שווער, וועלכער איז געזעסען און האט שטרענג באטראכט דעם גע'משפט'ען. אין דער צייט, וואס זיין איידעם קיפא האט אויף איהם באדייטענדיג א קוק געטאן, גלייך ווי ער וואלט זיך מיט איהם מיט די אויגען וועלען מישב זיין, האט איהם דער שווער געוויזען מיט'ן אויסדרוק פון זיין אומבאוועגליכען געזיכט, אז ער זאל זיין שטרענג.

איינער פון די פערזאמעלטע האט הויך אויסגערופען:

— ער איז א גאט-לעסטערער... איז קעגען תורת משה!...

יותם האט אין דער שטיל צו חנינה'ן געזאגט:

— ער איז א פארפאלענער, זיי וועלען איהם פאראורטיילען.

דער גע'משפט'ער האט ווי פאר זיך ארויסגערעדט:

— זיי פארשטעהן מיך ניט...

— איך קאן דא מעהר ניט זיין, — האט חנינה געזאגט צו יותמ'ען. — קום, יותם, איבערגעפיהרט אן אווענט...

— ווארט, חנינה, איך וויל וויסען, וואס דער סוף וועט זיין. — האט יותם שטיל געזאגט.

חנינה איז געווארען אומגעדולדיג:

— קום, יותם, דא איז היים.

דער כהן גדול, האט זיך נאך אמאל געווענדט צו דעם

גע'משפט'ען, און איהם געפרעגט, וואס ער אליין האט צו זאגען.

דער גע'משפט'ער האט פּאמעלאך אויפגעהויבען דעם קאפּ, און האט אפּגעשארט פון שטערען די פארטריקענטע האר אויף הינטער און האט גלייך אריינגעקוקט אין דעם כהן גדול'ס אויגען, אזוי ווי ער וואלט וועלען דערגעהן, וואס ליגט הינטער אַט די שטרענגע אויגען, און האט דערנאָך געזאגט:

— איך בין אומשולדיג — און אַן אומבאַהאַלפענער.

תמ'עוואטער שמייכעל האט זיך געדרעהט אין די ווינקלען פון זיין מויל.

אַט דער שמייכעל האט יותמ'ן מאדנע אויפגערעגט. א נאסקייט איז צוגעטראטען צו זיינע ליפּען, גלייך ווי מען פיהלט ווען א זויער עפּעל ווערט איינגעביסען.

ער האט איצטער א ציה געטאן חנינה'ן:

— מיר געהן.

באלד זיינען זיי געווען אין דרויסען.

אין הויף פאר'ן טויער, האבען די דינער פאַנאַנדער־געלייגט א פייער, ארום וועלכען זיי האבען זיך געוואַרימט.

— ווייל די נאכט איז געווען א קאלטע.

אַן א זייט איז געשטאנען שמעון א צענויפגעדרעהטער אין דרייען.

יותם האט איהם אנגעריהרט ביים אקסעל. שמעון האט זיך דערלאַנגט א כאפּ:

— הא, וואס איז?...

— איך בין עס, שמעון.

— דו, יותם. נו, וואס הערט זיך?

— ניט גוט, שמעון.

שמעון האט אויסגעשטעלט די אויגען.

יותם האט איהם אפגעפיהרט אביסעל ווייטער און גע־
זאגט:

— זיי וועלען איהם פאר'משפט'ען!

שמעון האט גענומען רייסען די האר פון קאפ:

— אזוי אומשולדיג, אזוי אומשולדיג!

— פארפאלען ,שמעון, — האט יותם א זאג געטאן,
און ער און חנינה האבען איהם פארלאזען.

— אן אומגליקליכער מענש, — האט חנינה א זאג גע־
טאן צו יותמ'ען, — נאר וואס זיינען מיר שולדיג? וואוהין
געהן מיר?...

— וואוהין דו ווילסט, — מיר איז אלץ איינס, — האט
יותם א זאג געטאן.

אויפ'ן וועג האבען זיי אנגעטראפען יהודה איש־קריות.

— ווייסט שוין, יהודה, פון דער געשיכטע? — האט
איהם יותם געפרעגט גלייך קוקענדיג אין די אויגען...

— מיינסט, וואס זיי האבען איהם געכאפט? — האט
יהודה א זאג געטאן, — יע, איך וויים.

— וואס זאגסטו צו דעם?

יהודה האט א ציה געטאן מיט די אקסלען:

— וואס זאל איך זאגען?

— און דיך פארדריסט עס ניט?

— יע און ניין.

— איך פארשטעה דיך ניט, יהודה.

— גאנץ פשוט: פאר מיר איז ער שוין לאנג געווען
טויט...

יותם האט א ווײלע געשוויגען. און דערנאך האט ער
מיט א פעסטער שטימע גערעדט צו יהודה'ן:

— יהודה, עס טראגען זיך ארום קלאנגען, אז דו ביזט
שולדיג אין דעם, וואס זיי האבען איהם געכאפט.

יהודה האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

—וואָס לאַכסטו, יהודה?

— יותם, דו ביזט אַ קינד, — האָט יהודה גערעדט.

— און דו גלויבסט, אַז איך האָב פאַרראַטען דעם מאַן פון גליל? איז דען דאָ שייך פאַרראַט? האָבען דען דעם כהן גדול׳ס שפּיאָנען ניט געוואוסט וואו ער האַלט זיך אויף? איז ער דען מיט אַ טאָג פריהער ניט געווען אין בית־המקדש? ביזט אַ קינד...

יותם האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגען.

— אָה, איך ווייס! — האָט זיך יהודה מיט אַמאָל דערלאַנגט אַ כאַפּ. — אָה, דאָס האָט שמעון׳קע אויף מיר אויסגעטראַכט! דער ליגנער, דער פּחדן! ער פאַרשפּרייט עס דעם ליגען וועגען יהודה איש־קריות!

ער האָט זיך צערייצט פאַנאַנדערגעלאַכט.

יותם און חנינה האָבען איהם מיט שרעק אָנגעקוקט.

און יהודה האָט אַלץ אין דעמזעלביגען צערייצטען טאָן גערעדט:

— עס איז איצטער פאַר זיי געקומען די ריכטיגע צייט זייערע ליגענס צו פאַרשפּרייטען. די פאַרשטעלונג הויבט זיך אָן! גרייט זיך צו, צו דער בלוטיגער פאַרשטעלונג!...

יותמ׳ען איז אַ שוידער אריבער:

— וואָס רעדסטו, יהודה?

— יהודה ווייסט וואָס ער רעדט, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט׳ן האַנט. — יהודה קאָן גוט די באַנדע! אָבער וואָס איז די נפקא מינא, אַז מיר איז סיי־ווי־סיי ביז צום שטאַרבען לאַנגווייליג און אומעטיג.

— קום מיט אונז, יהודה, האָט איהם יותם איינגעלאַדען, — קום, דערצעהל אונז...

— וואָס איז דאָ צו דערצעהלען, — האָט יהודה גע־

רעדט. — זיי האָבען איהם געכאַפּט... זיי זיינען אפשר גע־רעכט. — אָבער וואָס געהט עס מיך אָן! — דאָ האָט ער זיך ווילד פאַנאַנדערגעלאַכט.

יותם האָט אַ ציטער געטאָן:

— וואָס לאַכסטו, יהודה?

— איך לאַך פון דער אָרימער מרים, — וואָס וועט זי איצטער טאָן?...

— וואָס איז מיט מרים'ען? האָט יותם געפרעגט.

— מרים רייסט די האָר פון קאָפּ, מרים וויינט און קלאָגט, — האָט יהודה גערעדט, — זי לויפט אויפ'ן וועג ווי אַ משוגענע, זי לויפט צו פּאָנטיוס פּילאַטוס'ען...

יותם האָט איהם פאַרדעכטיג אָנגעקוקט. ער האָט גע־היט זיינע אַלע באַוועגונגען.

— דו ביזט זעהר אויפגערעגט, יהודה, — האָט יותם גערעדט, — קום מיט אונז.

יהודה האָט דערלאַנגט אַ מאַך צו יותמ'ן מיט'ן האַנט, ווי צו ווינשען איהם אַ גוטע נאַכט, און האָט פון זיי גיך גע־נומען אַוועקגעהן.

יותם האָט איהם אַ ווײַלע אָנגעקוקט, דערנאָך האָט ער געזאָגט צו חנינה'ן:

— מיין קאָפּ איז צעמישט. איך ווייס ניט, וואָס דאָ טוהט זיך.

ביידע פריינד האָבען גענומען געהן.

איבער ירושלים האָט זיך מיט אַמאָל פון ערגעץ אָנגע־רוקט אַ כמאַרע. די לבנה איז פאַרשוואונדען געוואָרען מיט שטיקער שוואַרצע וואָלקען. אַ קאַלטער ווינט האָט גענומען שטאַרק בלאָזען.

ווייט צו מעריב־זייט פון הימעל האָט פון צייט צו צייט

דורך די וואָלקען אַרויסגעשיינט אַ רויטליכער בלוטיגער שטערן, וואָס איז גלייך געשטאַנען איבער ירושלים.

יותם האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן הימעל. ער האָט גע־זאָגט צו חנינה'ן:

— אַ שטורם קומט. — לאָמיר איילען.

III

— דו האָסט באַמערקט יהודה'ס אויגען? — האָט חנינה געפרעגט יותמ'ן, ווען זיי זיינען אַפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג. — דו האָסט באַמערקט, ווי ער האָט זיך אַלע ווייַלע אַרומגעקוקט?...

יותם האָט געשוויגען. ער האָט איצטער געקוקט פאַר זיך אויף די שטיקער ווייסע וואָלקען, וואָס האָבען דעם הימעל באַדעקט, און ער האָט אין איין שטיק וואָלקען געפונען אַן עהנליכקייט צו אַ פערד, ווען ער הויבט זיך אויף מיט די פאַדערשטע פיס, און דערווייל האָט ער זיך דערמאָנט אַן זיין פערד, און עס האָט איהם עפּעס הנאה געטאָן.

— דו האָסט איהם גוט אַנגעקוקט? — האָט חנינה געפרעגט.

— וועמען מיינסטו?

— דעם מאַן פון נצרת.

— וואָס איז געווען צו זעהן. — האָט יותם אַ זאָג גע־טאָן מיט פאַרדרוס.

און פאַר זיינע אויגען איז געשטאַנען דער מ אַ ן פון נ צ ר ת, ווי ער איז געשטאַנען פאַר די ריכטער ביים כהן־

גדול אין הויז: אַ פאַרלאַרענער, אַן עלענדער, די אויגען פייכט און קלעפיג, די באָרד אויף פאַרענט, דער מויל געעפענט.

עס האָט איהם אין האַלז געשטיקט. אַן אומדערקליכער געפיהל האָט איהם איצטער געמאַטערט: דאָ האָבען זיינע ציינער זיך צענויפגעדריקט און ער איז געוואָרען הארט און גרויזאַם, און דאָ איז געוואָרען אַזוי ווייך און מילד, און אַ געפיהל פון רחמנות האָט איהם געפייניגט.

צווישען די צעריסענע וואָלקענס האָט זיך די לבנה גע־טראָגען, ווי אַ שיפעל אויף די רוקענס פון די שטורעמדיגע כוואַליעס. די גאַסען זיינען געוואָרען ליידיג פון מענשען, און איבער ירושלים האָט זיך געשפּרייט די טיעפע האַלבע נאַכט.

ערגעץ וואו האָבען העהנער געקרעהט.

— וואָס דענקסטו, חנינה, וועגען דער גאַנצער זאַך?

— האָט איהם מיט אַמאָל יותם געפרעגט.

חנינה האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען, און געזאָגט:

— איך פאַרשטעה דיר ניט יותם, וואָס נעהמסטו זיך אַזוי שטאַרק צום הארצען?...

יותם האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז חנינה איז גערעכט.

— און וואָס גערט איהם ווירקליך אַן דער גורל פון דעם מענ־שען?...

— חנינה, פאָהר צו מיר אַ ביסעל, פאַרברייננג מיט מיר אויף מיין נחלה. דו וועסט געראַטעוועט ווערען, — האָט יותם מיט אַמאָל געזאָגט צו חנינה'ן.

— ס'קען זיין, — האָט חנינה גערעדט, — אָבער דער־ווייל לאָמיר אריין אין אַ שענקעל... עס ווילט זיך מיר נאָך ניט שלאָפען.

— מיר אויך ניט.

— וואָס זאָלען מיר טאָן?

— איך ווייס ניט.

אַפּגעהענדיג עטליכע טריט, האָבען זיי מיט אַמאָל דער־הערט אַ שטילען שלוכצען: אימעצער איז אַנטקעגען זיי אַנ־געקומען.

— וואָס איז דאָס?

און חנינה האָט אויסגעשטעלט די אויגען.

זיי אַנטקעגען איז אָנגעקומען אַ פרויען געשטאַלט, גע־הילט אין אַ ברייטען שוואַרצען מאַנטעל. זי איז געגאַנגען, ווי אין שלאָף, ניט אַרומקוקענדיג זיך, מיט אַן אַראָפּגעהאָנ־גענעם קאָפּ און האָט שטיל געשלוכצט.

ווען זיי האָבען זיך מיט איהר אויסגעגלייכט, האָט יותם אויף איהר גוט אַ קוק געטאָן, און איהם האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זי וואו געזעהן: — אַ באַקאַנט געזיכט.

עס האָט איהם אַ בליץ געטאָן:

מרים פון מגדלה.

עס האָט געהאַלטען, אַז די פרויען־געשטאַלט זאָל זיך פאַרביי גליטשען, ניט באַמערקענדיג זיי, נאָר חנינה, וועלכער איז אַלעמאָל געווען גרייט צו פאַרפיהרען אַ באַקאַנטשאַפט מיט פרויען, האָט זי אָפּגעשטעלט:

— וואוהין, טייערע?...

די געשטאַלט האָט פּאַמעלאַך אויפגעהויבען דעם קאָפּ, געוויזען אין דער האַלב ליכטיגקייט פון דער נאַכט אַ בלייכ־ בען, זעהר איידעלען געזיכט, מיט אַ פּאָר גרויסע אומעטיגע אויגען.

חנינה איז געבליבען שטעהן איבעראַשט. איהם איז זי אויך פאַרגעקומען באַקאַנט.

— וואָס ווילט איהר פון מיר, גוטע מענשען? — האָט זי ווייך און אונטערטעניג געפרעגט.

חנינה האָט גענומען שטאַמלען:

— מרים, מרים די רויטע...

יותם האט ווארים און גוט אויף איהר גליך געקוקט, געזעהן דעם מערקווירדיג שעהנעם, אבער ליידענדיגען גע־זיכט, מיט דער שלאנקער, וויכער פיגור, און א געפיהל פון טרויער האט איהם אנגעגריפען.

און ער האט זיך דערמאנט אן דער לעבענסלוסטיגער מרים, פול מיט פייער און גייסט, אין יענער נאכט דארטען אין דארף קנה אויף דער חתונה, ווען זי האט שיער ניט פאר־דרעהט אחז'ן דעם קאפ. דעמאלט איז זי געווען יונג, פול בלוט און פלאם — און איצטער שטעהט זי פארעלטערט, דערשלאגען און איינזאם... ווער האט איהר גייסט געטוידט? ווער האט ארויסגעצויגען דעם זאפט פון איהר לעבען?...

— פרידען צו דיר, מרים פון מגדלה, — האט זי יותם באגריסט.

מרים האט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע טרויעריגע אויגען, געקוקט אזוי צוגעשטעלט גלייך, ווי זי וואלט וועלען אפזוכען אין זיין געזיכט עפעס באקאנטעס, — נאר גארניט געפינענדיג, האט זי זיך געוואונדערט:

— ווער ביזטו, וואס דו קאנסט מרים פון מגדלה?...

— געדענקסט ניט? מיר האבען זיך מיט יאהרען צוריק באגעגענט אין קנה אויף א חתונה.

— אין קנה אויף א חתונה? איך געדענקט ניט.

— אבער, מרים, — האט יותם אנגעהויבען, — ווער איך בין, בין איך... איך וויים אבער פון דיין צער.

מרים האט אויף איהם מאדנע געקוקט.

— דו ווייסט פון מיין צער? — האט מרים איבערגע־פרעגט און זיך עפעס גע'חדוש'ט. זי איז א ווייל'ע געבליבען שטיל. דערנאך האט זי איהם געפרעגט: ביזטו איינער פון אונזעריגע?...

יותם האָט אַ דרעה געטאָן מיט'ן קאָפּ: — ניין.

מיט אַמאָל האָט מרים אויסגעבראָכען אין אַ געוויין.

זי האָט גענומען נאָכאַנאַנד וויינענדיג ריידען:

— איך וויים ווער דו ביזט. דו האָסט איהם פאַרקויפט, דו האָסט איהם איבערגעגעבען...

— מרים, באַרוהיג זיך, — האָט ער זי צאַרט גענר־מען פאַר'ן האַנט. — קיינער האָט איהם ניט פאַרקויפט... מיר וועלען איהם ראַטעווען...

— וואָס!? זיי וועלען איהם פאַר'משפט'ן! — האָט זי אויסגעשריען.

— איך וויים ניט, — אָבער...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו יותמ'ס פיס.

— גוטער מענש, איידעלער מענש, העלף איהם! — האָט זי געבעטען, אַרויפקוקענדיג אויף איהם מיט אַזעלכע, רוהיגע, שטילע אויגען.

יותם האָט זי אויפגעהויבען פון דער ערד: זי האָט גע־ציטערט.

און דאָרטען אויף דער חתונה אין קנה, אין יענער נאַכט, — האָט איהם אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ, און ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט דעם ריח פון יענעם אָווענט.

— באַרוהיג דיך, מרים, — האָט ער זי געבעטען.

— אָבער זיי וועלען איהם פאַר'משפט'ן?

— איך וויים ניט.

און זי האָט מיט אַמאָל גענומען לויפען.

יותם האָט זי אָנגעכאַפּט פאַר'ן מאַנטעל:

— וואוהין לויפסטו, מרים?

— צו איהם.

— זיי וועלען דיך אויך פאַר'משפט'ן.

— זאָלען זיי!

און זי האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע הענט.

יותם האָט זי ווידער אָנגעכאַפּט:

— דו ביזט קראַנק, מרים, דו ביזט אָנגעגריפען פון קדחת. קום מיט אונז ועסט זיך אויסרוהען, און ביי טאָג וועלען מיר זעהן, וואָס מיר האָבען צו טאָן.

— איך וויל ניט, איך וויל ניט! — האָט זי געשריען.

— איך מוז איהם נאָך היינט זעהן. איך מוז היינט באַריה־רען מיט מיינע ליפּען דעם זוים פון זיין מאַנטעל.

זי האָט זיך אַרויסגעריסען און גענומען לויפען.

חנינה האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס:

— משוגע.

יותם האָט נאָכגעקוקט דער פאַרשווינדענדיגער מרים, און ווי פריהער האָט איהם פאַרשמעקט מיט יענער נאַכט דאָרטען אין דאָרף קנה אויף דער חתונה.

ער האָט זיך מיט אַמאָל געווענדעט צו חנינה׳ן:

— דו האָסט אַ טעות, חנינה. זי איז ניט משוגע. זי ליידט.

חנינה האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— מרים ליידט!...

יותמ׳ן האָט איצטער אויפגערעגט חנינה׳ס געלעכטער.

— חנינה, דו ביזט אומגערעכט, — האָט יותם מיט פאַרוואורף אין טאָן געזאָגט.

חנינה האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט באַליידיגט מיט זיין געלעכטער יותמ׳ס איצטענדיגען געמיטצושטאַנד, און ער האָט זיך געכאַפּט צוריק:

— דו ביזט גערעכט, יותם...

און ביידע זיינען שטיל געגאַנגען.

פאַר יותמ׳ן איז איצטער געווען, גלייך ווי אימעצער וואָלט זיין גלייכגעוויכט פון לעבען צעשטערט. עפּעס האָט

זיך אַריינגעריסען אַ פּרעמדער סוד אין זיין איינפאַכען לע־בען... און וואָס געהט איהם אָן ד ע ר מ אַ ן פ ו ן נ צ ר ת, און וואָס געהט איהם אָן מ ר י ם?...

אָבער דאָרטען אין דעם דאָרף קנה אין יענער נאַכט אויף דער חתונה... דעמאָלט איז ער געווען אינגער, און פאַר איהם איז נאָך עפּעס אַזוי ווי געווען אָנגעגרייט. — איצטער אָבער פיהלט ער:

אַז אַלץ ציהט, ווי אַ וואַסער אַהין, אום דערנאָך אין עטוואָס גרויסעם און שוואַרצעם צו פאַרפאַלען ווערען.

אָבער אין יענע נאַכט אין קנה, ווען זי מרים, פול מיט פייער, האָט ווילד אַרומגעדרעהט זיך צווישען די בחורים, ווי אַ שטורעם ווינט — און איצטער?...

— חנינה, האָט יותם מיט אַ לירישען טאָן אָנגעהויבען.

— איך האָב מיט יאָהרען צוריק באַגעגענט איינמאָל מרים'ן אין אַ זומער נאַכט... זי איז געווען יונג, פולבלוטיג, און לע־בען האָט פון איהר געשפּראָצט ווי פון אַ קוואַל. אין יענער נאַכט, אָדער אפשר נאָך פריהער, האָט זי באַגעגענט ד ע ם מ אַ ן פ ו ן נ צ ר ת. — און ביסלאַכווייז האָט איהר לע־בענסלוסט גענומען בלייכען און פאַרשווינדען — איצטער איז זי טויט. מיר דוכט זיך, אַז דער דאָזיגער מענש, טראָגט אין זיין גוף דעם עסענץ פון געשלעכטלאָזיגקייט און טויט, וועלכע ווירקען זעהר שטאַרק אויף די יעניגע, וואָס זיינען נאָהענט צו איהם... ער איז דער טרעגער און פאַרשפּרייטער פון געשלעכטלאָזיגקייט און טויט...

חנינה האָט זיך צוגעהערט צו יותמ'ס זעהר ווייכען און איידעלען טאָן, אין וועלכען ער האָט אויסגעדריקט זיין פיה־לען, און ער איז אויך אַזוי ווי אָנגעשטעקט געוואָרען פון דעם לירישען טרויער, וואָס האָט זיך געפיהלט אין יותמ'ס ריידען.

חנינה האט שטיל געזאגט:

— אבער איך פארשטעה דיך ניט, יותם. אליין האלסטו, אז ער איז דער טרעגער און פארשפרייטער פון טוידט אין לעבען, און גלייכצייטיג ווילסטו איהם ראטע־וועז?... איך פארשטעה ניט!

און ער האט געצויגען אין דער הויך מיט די אקסלען.

— דו ביזט גערעכט, חנינה, — האט יותם געזאגט.

— דאס איז א פראגע... אבער איך ווייס אליין ניט דאס צו פארענטפערען... אבער נאך ערגער האב איך מורא פאר זיין טוידט פון אידישע הענט... ער האט אנהעננער, זעהר פיעל, אט די אלע אנהעננער, וועלען קיינמאל ניט קאנען מוחל זיין זיין אומנאטירליכען טוידט, זיי וועלען פארשפרייטען האס, זיי וועלען זיך אפרייסען פון דער אידישער אמונה...

— דו חלומ'סט, — האט חנינה געזאגט. — אבער גע־נוג דערפון. דו האסט מיר געמאכט זעהר אומעטיג. — לא־מיר אריין אין א שענקעל.

יותם האט א טראכט געטאן, און געזאגט:

— זאל זיין ווי דו זאגסט.

ביידע פריינט האבען זיך אוועקגעלאזען אין דעם טייל שטאדט, וואו עס האבען זיך געפונען די שענקען.

IV.

אין שענק איז נאך געווען גאנץ לעבעדיג, כאטש עס איז שוין געווען ווייט נאך דער ערשטער אשמורה. א פאר מאטראסען פון צור און אייניגע רוימישע סאלדאטען האבען זיך דורכגעווארפען צווישען די ירושלימער בירגער.

אין שענק איז געשטאַנען אַ טומעל, עס האָבען נאָכ־אַנאַנד פון עפּעס גערעדט אַ סך מענשען און זיך געהיצט.

יותמ׳ן האָט ביים אריינגאַנג אַ שפּאַר געטאָן די פאַר־שטיקטע לופט און דער שאַרפער ריח פון וויין, און אין זיינע אויערען האָט גענומען קלינגען פון טומעל.

דער ווירט, אַ הויכער, אַ דאַרער, האָט חנינה׳ן באַגע־גענט מיט אַ אונטערטעניגען שמייכעל:

— אזוי שפּעט?

— וויין פון דעם בעסטען, וועלכען איך האָב ליעב.

— האָט חנינה ברייט אַ זאָג געטאָן.

זיי האָבען זיך געזעצט אין אַ ווינקעל. יותם האָט זיך גענומען אַרומקוקען.

די רוימישע סאָלדאַטען האָבען זיך אויפגעהויבען, באַ־צאָהלט און אַרויסגעגאַנגען.

דער ווירט האָט זיי צוגעטראָגען אַ קרוג וויין.

— פון דעם אַלטען זיסען? — האָט חנינה געפרעגט.

— וועלכען מיין האַר טרינקט אַלע מאָל.

— אויף דיין וואָרט, אליקים?

— זאָל מיר גאָט אַזוי העלפען, — האָט דער ווירט זיך געשוואָרען.

— גוט, גוט, אליקים.

דער ווירט האָט זיך דערווייטערט...

אַ יונגער מאַן, אַ הויכער און שלאַנקער, האָט הויך גע־רעדט אין דעם צווייטען ווינקעל פון צימער. ער איז עפּעס געווען אין כעס, ער האָט געקלאַפּט מיט׳ן פויסט אין טיש. ער האָט פאַר אַלעמען דערצעהלט, ווי ער האָט היינט געזעהן אַ רוימישען סאָלדאַט שלאָגענדיג אַ אידען נעבען דעם טויער פון אַנטאָניוס. און ער איז דעריבער געווען אויפגעבראַכט, און געפאָדערט, אַז מען זאָל דאָס ניט דערלאָזען.

איינינע האבען געהאלטען מיט איהם, און געפאדערט, אז מען זאל נקמה נעמען.

דער טומעל איז געוואקסען.

— טוידט צו די געטצען־דיענער — האט זיך איינער געהיצט. — געגוג פון זיי געליטען!...

דער הויכער יונגערמאן, וואס האט פריהער געקלאפט מיט'ן פויסט אן טיש, האט זיך אויפגעשטעלט און באַטראכט די אנוועזענדע, אזוי ווי ער וואלט וועלען זעהן מיט וועמען ער האט דא צו טאן, דערנאך האט ער געזאגט צו די וואס זיינען געוועזען ארום איהם:

— מארגען זאלט איהר אלע דארטען זיין!

— אלע זאלען מארגען דארטען זיין! — האט איינער איהם אונטערגעהאלטען.

דער בעל הבית איז צוגעגאנגען צו זיי און עפעס אין דער שטיל געזאגט צום הויכען יונגען מאן. יענער האט זיך שטיל אוועקגעזעצט און אלעמען העזה'דיג אנגעקוקט.

אין שענק זיינען אריין נייע דריי געסט, פארוויקעלט אין זייערע מאנטלען און קאפ־טיכער ביז די אויגען. יעדער איינער פון די דריי, האט זיך פארזיכטיג ארום געקוקט.

— מיר קאנען דא פארבלייבען, — האט איינער נעזאגט. — ביז טאג איז נאך ווייט.

זיי האבען זיך נעזעצט ניט ווייט פון יותם'ען און חנינה'ן.

יותם האט געקוקט אויף די דריי געשטאלטען. דער־הויפט אויף איינעם, ווייל איהם האט זיך געדוכט, אז ער קומט איהם פאר באקאנט. ער האט איהם אין ערגעץ נע־זעהן.

ער איז געווארען נייגעריג.

די אומבאקאנטע געסט האבען באפויהלען וויין, און

דערווייל האָבען זיי די קאָפּ־טיכער אַביסעל מעהר אויפגע־עפענט, און די געזיכטער געלאָזען פריי.

— מען וועט איהם נעהמען אין פּרעאַטאָריום, — האָט איינער גערעדט.

— פון וואַנען ווייסטו? — האָט אַ צווייטער געפרעגט.

— עס איז זיכער.

— נו, און וואָס דערנאָך?

— דעמאָלט געהט עס איבער אין פּילאַטוס'עס הענט.

יותם איז געוואָרען נייגעריג.

— דו, יוסף פון רמתים, וועסט געהן צו פּילאַטוס'ן.

— האָט דער ערשטער גערעדט.

איך וועל געהן, גלייך, ווי עס וועט גוט ליכטיג ווערען.

— האָט דער, וועמען ער האָט גערופען יוסף פון רמתים. געזאָגט. — אָבער, איך האָב מורא...

— וואָס האָסטו מורא?

— אַז ס'איז אומזיסט. פּילאַטוס וועט מוזען טאָן. דאָס וואָס דער כהן־גדול און זיין שווער חנן ווילען.

דער ערשטער איז אַ ווייל̈ע געבליבען זיצען פאַרטראַכט.

דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אָבער מיר מוזען טאָן אַלץ, וואָס מיר קאָנען טאָן.

יותם האָט זיך איצטער דערמאָנט, וואו ער האָט געזעהן דעם מענשען.

ער האָט איהם נאָך אין אָווענט געזעהן ביי קיפאַ אין הויז, ווען דער עולם האָט זיך געשפּאַרט אַנצוקוקען דעם גע־פאַנגענעם. און דאָס איז ער געווען, וואָס האָט איהם שטאַרק אָפּגעטראַטען די פוס, שפּאַרענדיג זיך. ער הייסט יוסף פון רמתים.

—מאָרגען איז ערב פּסח, — האָט דער יונגער מאַן גערעדט פון אַנדער ווינקעל, — מאָרגען לויט נאָב'ן מנהג,

באַפרייט דער „רוימישער געטצען דינער" א געפאַנגענעם, לויט דעם ווילען פון פאָלק. — אלע, זאָלען הויך פאָדערן בר־אבא, ישוע בר־אבא! איהר הערט? ! ער פעהלט אונז בר־אבא.

האַלב פאַר'שכר'ט, האָבען אַלע געשריען, אז מען מוז פאָדערן בר־אבא'ן.

די דריי האָבען זיך אויפגעהויבען, און אַרויס.

יותם האָט זיך אויך אויפגעהויבען.

— עס דרעהט מיר דער קאָפּ.

— וואַרט א ווײַלע.

אין שענק איז איצט אריין נאָך א גאַסט.

יותם האָט געקוקט אויף דעם נײַ אריינגעקומענעם:

— יהודה!

יהודה איש־קריות האָט ניט באַמערקט יותמ'ן.

— יהודה! — האָט איהם יותם גערופען.

יהודה, האָט געשווינט א דרעה געטאָן דעם קאָפּ מיט אַזא מינע, גלייך, ווי ער וואָלט ניט דערוואַרטעט, אַז ער וועט דאָ אַנטרעפען אימעצען, וואָס קאָן איהם. דערזעה־ענדיג יותמ'ן און חנינה'ן איז ער געבליבען שטעהן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אין דער רגע מיט זיך מישב געווען.

— קום צו אונז! — האָט איהם יותם גערופען.

יהודה איז צו זיי צוגעגאַנגען. און האָט בייז געזאָגט:

— א פאַרפלוכטע נאַכט... איך טרעף אייך שוין היינט דעם צווייטען מאָל.

חנינה האָט זיך באַליידיגט:

— וואָס רעדט ער?

יותם האָט יהודה'ן אָנגעקוקט און געזאָגט:

— דו ביזט אויפגערעגט, יהודה. שילסט זיך,

יהודה האָט אומצעפרידען א קנייטש געטאָן דעם גע־
זיכט:

— פארוואס זאָל איך ניט שילטען? !... האָט מיר דען
ווער געבענשט?...

— אָבער זעץ זיך און באַרוהיג זיך, — האָט איהם
יותם געבעטען.

יהודה האָט זיך אַנידערגעזעצט און טיעף אָפגעאָטעמט.

יותם האָט צו איהם צוגערוקט דעם קרוג ווייז:

— טרינק, יהודה.

יהודה האָט א ציה געטאָן דעם קרוג, אויפגעהויבען צום
מויל און גענומען נאָכאַנאַנד טרינקען איין אָטעם.

— איך בין פארמאַטערט — האָט יהודה א זאָג גע־
טאָן, נאָכדעם, ווי ער האָט אוועקגעשטעלט דעם קרוג.

— וואו ביזטו געווען, יהודה? — האָט איהם יותם
געפרעגט.

— זיך אומגעדרעהט אין די גאַסען.

יהודה'ס געזיכט האָט זיך אַנגעצויגען, געוואָרען שטרענג
און ערענסט.

— דו האָסט זי באַגעגענט? — האָט ער מיט אמאָל
יותמ'ען געפרעגט.

— וועמען?

— דער זונה, מרים...

יותם האָט איהם איבעראַשט אַנגעקוקט.

— וואס רעדסטו, יהודה.

— וואס מאַכסטו זיך אזוי, — איז יהודה בייז געוואָ־
רען. — דו ווייסט ניט ווער מרים איז?...

— אָבער דו ביזט אויפגערעגט.

יהודה האָט זיך מיט אמאָל אויפגעהויבען.

— וואוהין, יהודה?

— איך האָב מיט אייך ניט וואָס צו ריידען...

— וואָס איז מיט דיר?

— איך מוז געהן... איך קאָן אויף אַ פּלאַץ ניט איינ־זיצען... איך מוז נאָכאַנאַנד לויפען. — האָט יהודה גע־רעדט.

— אָבער, וואוהין וועסטו לויפען?

יהודה האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך גענומען געהן צום טיהר.

יותם איז געבליבען זיצען, דער קאָפּ האָט איהם אביסעל געדרעהט, דער וויין איז איהם צוגעפאַלען צום קאָפּ.

— מיר געהן, חנינה, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און אַרוים אין דרויסען.

אין מזרח האָט אַ דורכזיכטיג גרינליכע ליכטיגקייט זיך גענומען פאַרשפּרייטען איבער'ן גאַנצען ברעג הימעל. עס האָט גענומען טאָגען.

דער מאָרגען שטערען האָט געפינקעלט אין פאַרשידענע פייערען.

פינפטער קאפיטעל

דער גאנג צו גלגלתא.

יותם האט ארייגעשלאפען שפעט אין טאג אריין.

ווען ער האט אויפגעעפענט די אויגען, האט ער פאר קיין פאל זיך ניט געקאנט דערמאנען, וואו ער איז, ווייל ער האט נאך דער טונקעלקייט פון צימער געוואוסט, אז ער איז ניט ביי זיך אין דער היים, אבער ער האט ניט געקאנט אין דער ערשטער ווייליע כאפען וואו ער איז.

ער האט זיך גענומען דערמאנען.

איהם איז אלץ קלאר געווארען, און ער האט זיך מיט אימפעט אויפגעהויבען פון געלעגער.

חנינה איז שוין אין הויז ניט געווען. דער קנעכט, וואס האט געבראכט וואסער, האט איהם געזאגט, אז חנינה איז אוועק צוליעב זיינע געשעפטען.

נאכ'ן עסען איז יותם ארויס אין גאס.

די גאסען פון ירושלים זיינען געווען געפאקט, און עס האט זיך אומעטום געפיהלט א יום־טוב'דיגע שטימונג און אן אויסערגעוויינליכע לעבהאפטיגקייט.

פון אלע וועגען, וואס פיהרען אין ירושלים, האבען גע־שטראמט טויזענדע מענשען. באשטויבטע אייזלען, קעמ־לען, באלאדען מיט סחורות, שפייז און פרוכט, האבען זיך אין קאראוואנען געצויגען. מיעד און פארשטויבט פון וועג, האבען די אנקומענדיגע פאמעלאך זיך נאך געשלעפט נאך

די אייזלען און קעמלען, און געקוקט פאַרמאַטערט אויף די שטאַדטישע פאַרבייגעהער.

מענשען האָבען זיך שטראָמענווייס געצויגען צו איין ריכטונג, און אַלע האָבען געהאַט דעם אויסזעהן, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געלאָזען צו אַ באַשטימטען פּלאַץ.

די גרינס פאַרקויפער האָבען זינגענדיג אויסגעשריען זייערע פרישע, נאַר וואָס פון די גערטנער געבראַכטע גרינס, און די ווייבער, וואָס האָבען זיי ארומגערינגעלט האָ־בען עפּעס הויך גערעדט, געשריען און זיך געדונגען.

יונגע געפאַרבטע פרויען, אויסגעפּוצט אין זייערע ציר־רונג און בעסטע קליידער, אין שניט עהנליך צו די לויז־ליניגע גריכישע טוניקס, האָבען מיט שטאָלץ און ווערדע געשפּאַצירט, אנפילענדיג די גאַסען מיט אַ ריח פון פאַר־שיעדענע, שמעקעדיגע אויל'ן און געווירצען.

יותם האָט זיך אויך געצויגען מיט'ן שטראָם.

איהם איז שפּעטער קלאָר געוואָרען די אורזאַך פון דער אויסערגעוועהנליכער אויפגעלעבטקייט.

עס איז געוועזען ערב פסח, און אויך דער טאָג, וואָס לויט אַ מנהג, האָט אין דעם טאָג פּילאַטוס, אויפ'ן פאַרלאַנג פון פאָלק, באַפרייט אַ געפאַנגענעם, און דאָס פאָלק האָט אַלע מאָל געהאַט איינעם צווישען די געפאַנגענע, וועמען עס האָט געוואָלט באַפרייען.

דעם יאָהר איז געוועזען איינער ישוע בר־אבא, באַריהמט אין און אַרום ירושלים אַלס אַ וואָוילער יונג און שלעגער. ער איז געוועזען אומדערשראָקען, באַלאַנגט צו די „סיקאַריער", איז אַלע מאָל גרייט געוועזען אַריינצואוואַרפען זיך אין יעדען שטיקעל טומעל, וואָס עס האָט זיך נאָר ערגעץ וואו אויפ־געהויבען. ער איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר אַ טומעל, וואָס ער האָט אויפגעהויבען, און וואו אַ רוימישער לעגיאָנער איז

געפֿאַלען טוידט. דאָס פֿאָלק האָט איהם זעהר ליעב געהאַט, און די יעניגע, וואָס האָבען זיך איצטער געלאָזען צום גע־ריכט־הויז, דעם אַמאָליגען פּאַלאַץ פֿון הורדוס, האָבען גע־האַט אין זינען צו פֿאָדערן ביי פּילאַטוס'ן בר־אבא'ן.

— בר־אבא! פֿאָדערט בר־אבא'ן! — האָט אַ יונגער מאַן מיט ברענענדיגע אויגען געראַטען יעדען, וועמען ער האָט אין וועג אָנגעטראָפֿען. — פֿאָדערט בר־אבא'ן, בר־אבא איז אַ העלד!...

קינדער האָבען אויך אָנגעפֿילט די גאַסען און עפֿענט־ליכע פּלעצער. זיי האָבען זיך געפּלאָנטערט אונטער די פֿיס, און אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען ליאַרם. די קינדער האָבען אַלע געוואוסט, אַז אויסער, וואָס עס איז היינט ערב פּסח, איז דאָס גאָר עפּעס גאָר אַן אַנדער טאָג, און אַלע קינדער האָבען אויך געוואוסט ווער בר־אבא איז.

דער פּלאַץ פֿאַר'ן געריכט־הויז איז געדיכט אָנגעפֿילט געוואָרען מיט מענשען.

ווען יותם, האָט זיך אַרומגעקוקט, איז די זון געשטאַ־נען הויך אין הימעל. די שאַרפֿע ליכטיגקייט פֿון טאָג, האָט גענומען בלייכען אַביסעל, עס האָט זיך געפֿיהלט, אַז דער טאָג הויבט זיך אָן נייגען צום אָווענט.

די גאַסען זיינען געווען אַזוי ווי פֿאַרפֿלעקט און פֿאַר־שיעדען־פֿאַרביגע און באַוועגליכע פֿלעקען. פֿרויען האָבען זיך זעהר פֿיעל אויסגעמישט אין דער גרויסער באַוועגליכער מאַסע. זיי האָבען אויך געוואוסט ווער בר־אבא איז.

— היינט צלמ'ט מען די פֿאַרברעכער, — האָט איין יונגע פֿרוי הויך גערעדט, אַז אַלע וואָס זיינען איהר פֿאַרביי־געגאַנגען זאָלען הערען. — בר־אבא איז ניט קיין פֿאַרברעכער.

אַנדערע מענער, האָבען פֿון איהר געלאַכט, אַנדערע האָ־בען בר־אבא איז אַ גוטער זוהן פֿון פֿאָלק.

בען זיך נעבען זיי אָפּגעשטעלט און זיך צוגעהערט מיט ערענ־סטע געזיכטער.

— וואו איז דיין מאַן? — האָט איינער פון עולם זיך געוויצעלט, — געה אין הויז, און שיק דיין מאַן.

יותם האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף דער פרוי, וואָס האָט אָפּגעהאַלטען דעם שטראָם ביים ווינקעל פון גאַס, און ער איז געוואָרען נייגעריג.

אַ יונגע מיידעל, פון זון פאַרברענט, מיט שוואַרצע אויגען און האָר, וואָס האָבען זיך אין געדיכטע הויפענס אַרויסגעשפּאַרט פון איהר קאָפּ־טוך, איז געשטאַנען אויף טרעפּען און האָט געמאַכט מיט די הענט און געריעדט אויפ'ן קול.

— זי איז בר־אבא'ס געליעבטע, שושנה, — האָט יותם געהערט אימעצען זאָגען.

— ווי געפעלט זי דיר?

— אַן אמת'ע דבורה הנביאה.

און דער, וואָס האָט עס געזאָגט, האָט זיך הויך פאַנאַנדערגעלאַכט.

יותם איז ווייטער געגאַנגען.

אויפ'ן וועג האָט ער זיך אָנגעשטויסען אויף אַ ברויזענדיגען שטראָם מענשען, וואָס איז אַנגעקומען אַנטקעגען.

ער איז פאַרשלונגען געוואָרען אין דער געדיכטער מאַסע.

אַלע האָבען געשריען:

— בר־אבא! בר־אבא!

— בר־אבא דער פיינט פון די געטצען־דיענער!

אינגלאַך קלענערע און גרעסערע, אַנדערע מיט הילצערנע שווערדען ביי די זייטען און פאַרמעטענע קרוינען אויף די קעפּ, זיינען געלאָפען אַ פריהער און האָבען געקלאַפּט אין אַלטע בלעכען און געשפּרונגען און הויך געשריען:

— אטא קומט בר־אבא!

אין מיטען פון דער מאַסע איז געגאַנגען אַ שעהנער, הויכער יונגער מאַן און האָט מיט זיינע גרויסע, אומרוהיגע אויגען געקוקט נייגעריג נאָך אַלע זייטען, באַגריסט יעדערן, דערהויפּט די מיידלאַך, וואָס זיינען געשטאַנען אין די טיהרען און אויף די גאַניקעס.

אַלע האָבען צו איהם געמאַכט מיט די הענט, געפּאַכט מיט טיכער:

— בר־אבא, בר־אבא!...

יותם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט ווייטער ניט געקאָנט געהן. ער האָט גענומען נאָכפרעגען וואָס דאָ איז געשעהן.

— באַפרייט בר־אבא'ן — האָט איהם איינער קוים געענטפערט און איז אריינגעצויגען געוואָרען אין שטראָם.

— ווער איז בר־אבא? — האָט יותם ווידער ביי אַן אַנדערען געפרעגט.

— דו ביזט ניט קיין ירושלים'ער?

— איך בין ניט קיין ירושלים'ער...

— דעריבער ווייסטו ניט ווער בר־אבא איז, — און דער אויך האָט זיך אַוועקגעדרעהט אין שטראָם.

— טוידט צו די רוימער! — האָט אימעצער געלאָזט פאַלען אַ געשריי.

— טוידט צו די רוימער! — האָבען פיעלע שטימען געענטפערט.

יותם האָט זיך גע'חדוש'ט:

— וואָס איז דאָ?...

יותם האָט איצטער געהאַט איין זאַך אין זינען: ווי אַזוי זיך ארויסצודרעהען פון געדרענג. ער איז אויך נייגעריג געווען צו וויסען, וואָס עס איז געוואָרען מיט'ן מ אַ ן פ ו ן נ צ ר ת.

עפּעס האָט קיינער זיין נאָמען ניט דערמאָנט: עס קאָן זיין, אַז זיי האָבען איהם ניט איבערגעגעבען צו פּילאַטוס׳ן.

ווען ער האָט זיך צום סוף דערשלאָגען צום געריכט־הויז איז שוין די זון געשטאַנען הויך: — דער טאָג האָט זיך געגנויגט.

ארום דעם אמאָליגען פּראַכטיגען פּאַלאַץ פון הורדוס, איצטער דאָס פּרעטאָריום, האָבען זיך געדרעהט, ווי ביהנען, טויזענטע מענשען. רוימישע לעגיאָנערען, אין זייער פולער קריעגס־פּאַרם, מיט די גלאַנציגע העלמעטס, האָבען זיך דורכגעוואָרפען, ווי ראָמאַנאַק אין אַ גרינעם פעלד, צווישען דער איינפאַרביגער מאַסע. זיי זיינען געווען ארום די טויערען און צווישען עולם. קינדער און פרויען האָבען באַלאַגערט די דעכער פון די ארומיגע געביידען. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען פאַרפלייצט מיט מענשען, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אז עפּעס איז דאָ היינט געשעהן, — אָבער איצטער איז שוין נאָך אַלעמען.

יותם האָט געפרעגט דעם און יענעם וואָס קומט דאָ איצטער פאָר, אָבער קיינער האָט קלאָר ניט געוואוסט וואָס דאָ איז געשעהן. ווענען דעם מאַן פון נצרת, האָבען איהם אַלע געגעבען פאַרשיעדענע ענטפערס. פיעלע האָבען געקוועטשט מיט די פּלייצעס: זיי האָבען גאָר אַזאַ נאָמען ניט געהערט. איינינע האָבען ניט זיכער געזאָגט, אַז עס איז, דאַכט זיך, יע געווען די רייד פון איינעם, וואָס די כהנים און סופרים האָבען איבערגעגעבען פּילאַטוס׳ן, אָבער וואָס מיט איהם איז געוואָרען ווייסען זיי ניט.

— אָבער, וואָס קומט איצטער דאָ פאָר?

— דאָ משפּט מען פאַרברעכער.

— וועלכע פאַרברעכער?...

— פאַרברעכער... וואָס איז דער אונטערשיעד!...

יותם האָט מיט די אויגען ארום געזוכט, טאָמער וועט ער אַנטרעפען א באַקאַנט געזיכט, — אָבער פרעמד זיינען פאַר איהם געבליבען אַלע פנימ'ער.

צום סוף האָט ער זיך אַנגעשטויסען אויף איינעם, וואָס האָט איהם געזאָגט, אז מען האָט אַזאַ מענשען אַוועק גע־פיהרט אויף דער גלגלתא.

יותם האָט זיך מיט מאַטערניש אַרויסגעריסען פונ'ם געדרענג, און ער האָט זיך געלאָזען געהן צום פלאַץ הינטער די מויערען פון שטאָדט, וואָס האָט זיך גערופען גלגלתא.

דער פלאַץ, וואו מען האָט היינגעריכטעט פאַרברעכער איז געווען א טרוקענער, גלאַטער באַרג, וואָס האָט שטענדיג דערמאַנט אן א קאַהלען־קאָפּ, און איז געלעגען צו צפון פון ירושלים צווישען קדרון און הינום. די געגענד ארום איז געווען טרוקען, ווי אַלץ וואָלט פאַרברענט געוואָרען פון דער זון: קיין גראָז און קיינע ביימער, קיין סימן פון לעבען. אַלץ ארום האָט געאָטעמט מיט דערשלאָגענקייט און טוידט.

דער גאַנצער וועג צום פלאַץ איז איצטער געווען באַ־לעבט פון מענשען, וואָס זיינען געגאַנגען היין און צוריק. יותם, געהענדיג, צום באַשטימטען אָרט, האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט, וואָס דאָ קומט פאָר. יעדערן וועמען ער האָט געפרעגט, האָט איהם געענטפערט, אז ער ווייס נאָר, אז מען האָט אויף דער גלגלתא געקרייציגט דריי פאַרברעכער. ווער זיי זיינען, ווייס ער ניט. יותם האָט זיך געוואונדערט און געטראַכט פון דעם, וואָס דאָס פאָלק ווייסט אַזוי ווייניג פון דעם מאַן פון נצרת.

און אפשר האָט איהם פּילאַטוס פריי געשפּראָכען?

דערווייל׳ע האָט די זון זיך גענומען זעצען.

לאַנגע שאָטענס האָבען זיך איבער דער ערד אויסגע־צויגען, און די זון א רויטע האָט גענומען זינקען אין מערב.

בּיסלאַכוויַיז איז דער פּלאַץ פאַרלאָזען געוואָרען פון מענשען. אַלע האָבען זיך געאיילט אין בית המקדש צום קרבן־פסח. די פאַרנאַכטיגע ליכטיגקייט האָט אַלץ גענומען פאַרוועבען.

וואו ניט וואו האָט זיך דורכגעוואָרפען א גלייכגילטיגער דורכגעהער, א פּאָר סאָלדאַטען און אייניגע פרויען, וואָס שלעפּען זיך שטענדיג אַרום, וואו עס געפינען זיך מענער.

אנטקעגען זיינען איהם אַנגעקומען צוויי מענשען, און יותם האָט זיך צוגעהערט וואָס זיי האָבען גערעדט.

איינער האָט שווער געצויגען דעם אָטעם און געזאָגט:

— איך האָב זיך פון די כחות אַרויסגעשלאָגען, שלעפּענדיג דעם צלם. זיי האָבען מיר געכאַפּט, די סאָלדאַטען און געצוואונגען צו שלעפּען דעם צלם... פו, איך האָב זיך פאַרמאַטערט... עס איז גוט, אז יעדער זאָל שלעפּען זיין אייגענעם צלם.

— לאָמיר איילען, שמעון איש־קוריני, — האָט דער צווייטער גערעדט, — עס איז שוין שפּעט, די זון איז פאַר־גאַנגען.

— גוטע מענשען, — האָט זיי יותם אָפּגעשטעלט, — ווייסט איהר ניט, ווער עס איז געקרייציגט געוואָרען?...

— מיר ווייסען גאַרניט, — האָט דער, וואָס האָט זיך געאיילט א זאָג געטאָן, און ביידע האָבען גענומען גיכער געהן.

די זון האָט זיך אין גאַנצען געזעצט. דער אָוונט איז אַנגעקומען.

יותם האָט זיך פאַרקליבען אויפ'ן קאַהלען פּלאַץ, וואו אויפ'ן געלבליכען גרונט פון אָוונט הימעל האָבען זיך פּלאַך און שטיל געצייכענט די סילועטען פון דריי צלמים, און איי־ניגע פינסטערע און באַוועגענדיגע געשטאַלטען.

פון וויימען האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אז די גע־

שטאַלטען איילען זיך, אַזוי ווי זיי וואָלטען מורא געהאַט, אַז די נאַכט זאָל צופאַלען, און זיי וועלען גאָרנישט קאָנען טאָן.

יותם איז צוגעקומען נעהענטער, און ער האָט דערזעהן אויף דער ערד דריי טוידטע קערפּער ליגען.

די פאַרהילטע פיגורען האָבען זיך אויף איהם ניט אומ־געקוקט, זיי האָבען זיך עפּעס גע'עסק'ט, ארום איינעם פון די דריי קערפּערס. עס האָט זיך געהערט אַ שטילער פאַר־שטיקטער געוויין פון אַ פרוי.

אַ פרוי, איינגעבויגען איבער'ן קערפּער, האָט אין דער שטיל געכליפּעט. אַ צווייטע פרוי, האָט זיך פון דער אַנדער זייט געקניעט און געהאַלטען פאַרזונקען דעם קאָפּ אין גע־וואַנט, וואָס האָט צוגעדעקט אויף דער העלפט דעם טוידטען.

איינער האָט גערעדט:

— נקדימון, האָסט געבראַכט די געווירצען?

דער, וואָס האָט געהייסען נקדימון, האָט זיך גענומען עסק'ן ארום אַ פּעקעל, און האָט געענטפערט:

— געבראַכט... אָבער, יוסף פון רמתים, מיר מוזען זיך איילען, — עס ווערט שפּעט.

יותם האָט זיך אַביסעל איבערגעבויגען איבער'ן קערפּער.

— יע, דאָס איז ער, — האָט ער אין דער שטיל געזאָגט.

אויסגעצויגען, האַלב נאַקעט, איז געלעגען דער צעקריי־פּעלטער קערפּער פון אַ מענשען, דורכאויס אויסגעשמירט אין בלוט, מיט'ן פּנים צום הימעל. די דאַרע הענט און פיס זיינען געלעגען, ווי זאַכען, וואָס מען האָט גלאַט אַזוי זיך אַנידער געלעגט, אָהן דעם מינדסטענעם אויסדרוק פון באַ־וועגונג. דער קאָפּ איז געלעגען אַביסעל אַן אַ זייט מיט אויגען אָפענע און פאַרגלעזערטע. די טונקעלע האָר פון קאָפּ זיינען געווען צעזאַמענגעדרעהט אין שטיקער קאָלטענס, און די באָרד, וואָס איז אַביסעל אָפּגעשטאַנען אין דער הויך איז

ערטערווייז געווען צענויפגעקלעפּט פון פארגליווערטען בלוט. דער מויל פארדרעהט אן א זייט, מיט א פיינדליכען אויס־דרוק, גלייך ווי ער וואלט אימיצען וועלען איבערקרימען.

— און קוקט אן דעם מענשען! — האט גערעדט א באַ־האַלטענער אויסדרוק ארום זיין מויל, און די אויגען שטאַר פארגלעזערטע, האבען אזוי ווי אומזיסט געזוכט דעם געדאנק פון אייביגען זיין: — טוידט און וויסטעניש ארום און ארום.

די פרוי, וואס האט שטיל געוויינט, האט אויפגעהוי־בען דעם קאפּ, און יותם האט דערקאַנט דער אלטער מוטער, אן איינגעשרומפּענע, א דערשלאגענע מיט אויגען פול כעס און ביטערניש.

— עס ווערט פינסטער, נקדימון, — האט גערעדט יוסף פון רמתים — גיב די תכריכים.

ביי דעם ווארט תכריכים, האט זיך די צווייטע פרוי אויפגעכאפּט, ווי פון א טיעפען שלאף, און האט אלעמען שטאַר אנגעקוקט, גלייך ווי זי וואלט פרעגען: וואו בין איך.

יותם האט איהר דערקאַנט: — מרים פון מגדלה. —

און עס האט פאר איהם מיט אמאל א לויכט געטאן א זילבער באַנאַסענער דרויסען, א זומער נאכט, מיט געדיכטע, סודות׳דיגע ביימער און שאטענס, און דעמאלט, אין יענער זומער־נאכט, דארט אין קנה אויף דער חתונה, ווען זי פול לעבען און פייער, האט ארומגעטאנצט צווישען די בחורים, און ער איז געזעסען צווישען די תלמידים און גע־רעדט, — דעמאלט האט די נאכט געזונגען אין איהר יונגען, זודיגען בלוט, און איצטער?...

— אנגעטאן די תכריכים? — האט ער געהערט אימע־צען פרעגען.

און איצטער, איז טוידט, טוידט און טוידט, — האט די טרוקענע וויסטעניש ארום איהם געענטפערט.

די פינסטערע געשטאַלטען אַרום האָבען זיך גענומען איילען, אויף גיך איינגעוויקעלט דעם קערפּער און איהם גע־נומען אין ערגעץ טראָגען.

— מיין קינד, וועה צו דער מאַמען, וואָס האָט דיך גע־באָרען, — איז די אַלטע מוטער נאָכגעגאַנגען און געיאָמערט.

— דו וועסט צו אונז צוריק דערשיינען, — האָט מרים מיט אַן אַראָפּגעהאַנגענעם קאָפּ צו זיך גערעדט.

די שטומע פּראָצעסיע האָט זיך דערווייטערט און איז אַלץ פינסטער און פינסטערער געוואָרען און זיך צום סוף אין גאַנצען אויפגעגאָסען מיט'ן אָוונט.

עלענד און פאַרלאָזען, מיט'ן שטעמפּעל פון טוידט אויס־געגאָסען, איז דער טרוקענער, וויסטער פּלאַץ שטום און פאַר־הילט געלעגען. די נאַכט האָט שטיל און פרום זיך גענומען אַראָפּלאָזען.

יותמ'ן איז געוואָרען אומהיימליך.

די אַנדערע צוויי גע'צלמ'טע זיינען נאָך געלעגען אַן אַ זייט — קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט.

יותם איז צו זיי צוגעגאַנגען און האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף די קניע און זיך איבער זיי איבערגעבויגען:

פינסטערע געשטאַלטען, פאַרקריפּעלטע קערפּערס, פון טוידט און יסורים צענויפגעקאַרטשעטע געזיכטער.

און עפּעס האָט ביז וועהטאָג געשטיקט יותמ'ן אין האַלז.

יותם האָט באַריהרט מיט די פינגער זייערע קאַלטע שטערענס, און אָפּגעשאַרט די טוידטע, פאַרטריקענטע האָר און האָט שטיל געזאָגט:

— אייביגער פריעדען, איהר אומגעטרייסטע.

עלענד און פארלאזען, מיט'ן שטעמפעל פון טוידט אויס־געגאסען, איז דער טרוקענער, וויסטער פלאץ, שטום און פאר־הילט געלעגען. די נאכט האט אין גאנצען באהערשט דעם ארט פון טוידט.

יותם איז געגאנגען אין די גאסען פון ירושלים. אויך טוידט און פארלאזען זיינען געווען די גאסען. אלע זיינען געווען אין די הייזער ביים סדר.

יוחנן בן זכריה.

I.

איינגעוויקעלט אין א קעמעל־פעל און ארומגעגארטעלט מיט א רימענעם גארטעל, האט יוחנן, דער זוהן פון זכריה, ארומגעוואנדערט אין מדבר און געזוכט א טרייסט פאר זיין אומרוהיגען גייסט צווישען הימעל און זאמד.

יהודה איז פארפלייצט געווען מיט זינד. הורדוס'עס הויף איז געווען א קוואל פון אויסגעלאסענקייט — און דאס פאלק איז זיך רוהיג געזעסען און זיך געלאזט דריקען און אפנארען, און דערווייל געווארט אויף א דערלייזער.

און יוחנן איז אין מדבר אנטלאפען.

עס האט געברענט די הייסע זון זיין קאפ, און דער אנגעברענטער זאמד זיינע בארוויסע פיס, — אבער יוחנן איז אלץ ווייטער געגאנגען און געגאנגען: ער איז פון די זינדיגע מענשען אנטלאפען.

ער האט פון פארצווייפלונג געשריען. זיינע ווערטער, גיפטיגע, ברענענדיגע, האבען זיך געריסען מיט געוואלד פון זיין האלז. ער האט געפלאמט מיט הייליגען צארן געגען הורדוס'ן און די פרושים, — אבער, איינזאם און פארלאזען איז דער מדבר: — זיין קול האט זיך פארלארען.

איינטאניג ציהט זיך דאס אומעטיגע פלאך־לאנד. קיין ברעקעל וואלקען איז אויפ'ן הימעל ניט צו זעהן. דער הי־

מעל־נויג איז אין איידעלען וויאָלעט־גאָז געוויקעלט. א ווינט, ווי געטריבען פון אַן אַנגעברענטען קאַלך־אויווען, שפּאַצירט אין דער לענג און אין דער ברייט און דרעהט דעם זאַמד אין א ווירבעל.

עס האָט יוחנ'ען ניט געאַרט די טרוקענע היץ פון טאָג און די קעלט פון נאַכט. ער האָט אין זיין האַרצען געטראַגען א גרויסען האַס צו די מענשען, פון וועלכע ער איז אַנט־לאָפען.

ער האָט שטענדיג פאַר זיינע אויגען געהאַט דעם בלוּטיגען הורדוס, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט זיין ברודער'ס ווייב, הורודיה. ער האָט אויך שטענדיג פאַר זיך געזעהן די יונגע שלומית, די טאָכטער פון הורודיה, מיט איהרע גרויסע, גלעטענדיגע אויגען, וואָס האָבען אָבער אין זיך אויפ־געהאַלטען אַלע זינד פון שטן.

ווען הורדוס'עס און הורודיה'ס בילדער האָבען אין איהם דערוועקט א געפיהל פון גרויזאַמקייט און עקעל, האָבען איהם די גרויסע, גלעטענדיגע אויגען פון שלומית, פאַר־פאַלגט און איהם ניט געוואָלט אָפּלאָזען.

אין דער שטילקייט פון דער קיהלער נאַכט האָבען פון ערגעץ וואו גענומען אַרויסשווימען אַלטע פאַרגעסענע בילדער און עראינערונגען. און צווישען די אַלע בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבען זיך אָהן אַן אויפהער געדרעהט די צוויי גרויסע, שמאַכטענדיגע אויגען פון דער יונגער שלומית און האָבען איהם קיין רוה ניט געגעבען.

ער האָט גערעדט צו זיך אַליין:

זינד, ווי שטראָמען וואַסער, לויפען נאָך, און אויב מען קען זיי ניט אָפּהאַלטען, דערגרייכען זיי און פאַרטרינקען. דער מדבר איז ניט קיין מיטעל: זיי קאָנען דערגרייכען אַר־מעטום... מיט זינד מוז מען קעמפען!...

און יוחנן איז מיט אמאל אנגעגריפען געווארען מיט א ברענענדיגען פארלאנג צו געהן קעמפען מיט די זינד און זינדיגע מענשען. — און אויף מארגען האט ער פארלאזען דעם מדבר און איז געקומען צוריק אין לאנד יהודה.

און דארטען האט ער אויפגעהויבען זיין קול און הויך גערעדט צו די מענשען:

— איהר זינדיגע, בייזע שלאנגען!... איהר האט אייער ארימען, נישטיגען לעבען ארומגערינגעלט מיט א וואנט פון ליגען און פאלשקייט... איהר, וואס באדט זיך יעדען טאג פון יאהר אין בלאטע און שמוץ, האט קיין מאל נים באגריפען וואס אייך ערווארט... פאר אייך שטעהט פאר א שטורעם, וואס וועט אלץ אויסרייסען מיט'ן ווארצעל! דער איינציגער וועג איז פאר אייך געבליבען צו טאן תשובה! — געהט צום ירדן, איך וועל אייך אלעמען טובל זיין, כדי איהר זאלט אלע זיין צוגעגרייט פאר דעם גרויסען טאג פון תשובה...

דאס פאלק איז זיך פון אלע זייטען צענויפגעלאפען הערען זיינע פלאמענדיגע רייד. עס האבען איהם מענשען פון אלע קלאסען ארומגערינגעלט:

ווייל זיי האבען געווארט אויף אימיצען — און יוחנן דער זוהן פון זכריה איז פון מדבר צוריק געקומען.

II.

אבער יוחנ'ען האט א שווערער אומעט געדריקט. און נאכדעם, ווי די זון האט זיך געזעצט אויף יענעם זייט ירדן, און די שטילע, קריכענדיגע שאטענס פון דער נאכט האבען פאמעליך גענומען וויקלען די ערד, האט איהם אן אומבא־

שטימטע, דריקענדע בענקשאַפט אַרומגענומען, — און עס האָט איהם אין ערגעץ געצויגען.

ער האָט אין די נעכט אין זיין געצעלט קיין רוה ניט געפונען. ער האָט זיך געקייקעלט פון זייט אויף זייט — דער שלאָף האָט זיינע אויגען ניט געקלעפּט.

אַלץ אין לעבען ציהט אין ערגעץ; אַלץ אין לעבען וויל עפּעס... עס שטעהט דער טוידט ביים סוף פון דער ליניע און ציהט אַלץ און אַלעמען צו זיך צו... ער פאַרענדיגט, ער פאַרניכטעט...

און איז זי ניט דער טוידט?... ציהט זי דען ניט מיט'ן זעלבּיגען כח צו זיך?

אַזוי האָט יוחנן אַפּט געפיהלט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען ער איז אַנגעגריפען געוואָרען פון אַ פאַר־צעהרענדיגער אומרוה.

דער טאָג איז פאַר איהם געווען אַ גוטער און ליכטי־גער: פיעלע מענשען האָט ער ריין געמאַכט אין וואַסער פון ירדן. — אָבער האָט ער זיך אַליין געקאָנט ריינוואַשען?

אויגען, ליכטיגע, פול מיט לוסט, האָבען אויף איהם פון דעם נאַכט־געוועב געקוקט, זיך אין איהם איינגעגעסען, ווי די אייגען פון אַ שלאַנג, — און ער האָט זיך פון זיי ניט געקאָנט באַפרייען: עס האָט ניט געהאָלפען דאָס וואַסער פון ירדן...

זיין בלוט איז זודיג געראָנען אין זיינע אָדערען, און שווער איז געוואָרען זיין קאָפּ, — אַ וועהטאָג אַ נאָגענדער האָט זיין האַרץ געפּייניגט.

און אויפ'ן דעק פון נאַכט הענגען די אויגען, וואָס ברע־נען זיין לייב מיט זייער שיין.

די אויגען געהערען צו דער טאָכטער פון דער זינדיגער הורודיה; און זי, די טאָכטער, איז אַליין אַ קוואַל פון ניט

ריינער קראפט — און ער, יוחנן, טובל'ט אלעמען אין די וואסערען פון ירדן!

און וואס זאל ער טאן?...

ער האט זיך געקייקעלט פון זייט אויף זייט, און דער שלאף האט זיינע אויגען ניט געקלעפט.

עס האט זיך איהם אפט געדאכט, אז אימעצער רעדט צו איהם:

„יוחנן, זוהן פון זכריה, אומזיסט מאטערסטו זיך צו באקעמפען דעם רוף פון דיין בלוט... דו וועסט פאלען ניט קיין געטרייסטער!“...

דער קול איז איהם באקאנט — און ווער איז דאס פארט?...

אפשר איז דאס דער קול פון זיין אייגען בלוט?... אבער וואוהין רופט איהם אט דער דאזיגער קול?

רופט ער איהם ניט צו דער אייביגער פארדארבונג?...

און ער האט געטראכט:

יעדער פייער, אויב ער ווערט ניט צעררייצט פון ווינט שטעלט ניט אין געפאהר די ארומיגע געביידען; יעדער לע־בען, אויב ער ווערט ניט צעררייצט פון די אייגענע בלוטען, איז א שטילער לעבען פאר זיך, און שטעלט ניט אין געפאהר די לעבענס פון אנדערע...

אבער ווער האט אנגעצונדען א פייער אין זיין האר־צען?...

ער האט געזוכט ווער עס האט אנגעצונדען זיינע בלו־טען, און ער האט ז י געזעהן.

דאס בלוט האט איהם גענומען שטייגען צו די שלייפען, און זיין הארץ האט גענומען שטארקער קלאפען.

זיינע אויגען האבען אין דער פינסטער ווי ברענענדיגע קויהלען געגליהט; זיינע צייהנער האבען זיך שטייף צעזא־

מענגענומען; זיינע פינגער האָבען זיך צענויפגעקרעמפט און אויפגעלייגט, ווי אין אימעצענס האַלז זיך איינצוועסען.

ער האָט פון טיפען וועהטאָג געשריען.

III.

יוחנן איז ארומגעגאַנגען אין די גאַסען פון ירושלים און האָט צווישען עולם געהאַלטען אויפרייצענדיגע רעדען געגען די פרושים, צדוקים און הורדוס'עס פאַמיליע. דערהויפּט איז ער געווען אויפגעבראַכט געגען דער יונגער שלומית, הורדוס'עס שטיף־טאָכטער.

און ווען ער האָט געהערט וועגען איהר האָבען זיינע אויגען געגליהט מיט אַן אומהיימליכען פייער, און זיינע ציי־נער האָבען געקריטשעט, און זיינע פינגער האָבען זיך צוזאַ־מענגענומען ווי אימעצען צו שטיקען. ער האָט מיט שוים אויף די ליפּען אויף איהר געגאָסען פּעך און שוועבעל.

שלומית, די טאָכטער פון הורודיה, איז, לויט זיינע רייד, געווען די אורזאַך פון יהודה'ס שווערער לאַגע. ער האָט איינמאָל פאַר אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אָרום ירדן גערעדט. אין זיין רעדע האָט ער געפּריידיגט זעלבסט־ענטזאַגונג, און ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם, אַז אויב אימעצער האָט צוויי העמדער, זאָל ער זיך טיילען מיט דעם וואָס האָט נים, און דאָס זעלבע מיט אַליץ. צום סוף איז ער איבערגעגאַנגען צו דעם פונקט וואָס יהודה איז פאַרזונקען אין זינד, און דאָ האָט ער גענומען דונערען:

— שלומית, די יונגע זונה, וואָס פאַרטרינקט יהודה מיט

איהר זנות, וואס גיט זיך איבער צו אלע באַזויפענע רוימער... זי איז דאס אומגליק פון יהודה!

דאס פאָלק האָט איהם געהערט און איז מיט איהם גלייך צעזאמען געווארען אויפגעפלאמט, ווייל עפעס אַזוינס איז געלעגען אין זיין אויפגערייצטקייט, וואס האָט אלעמען מיט אַזאַ עראַטישער אויפגערעגטקייט אַנגעשטעקט! אלע־מענס אויגען האבען אומהיימליך געברענט.

יוחנן'ס אויפהעצענדע רייד האבען דערגרייכט צו הור־דוס'עס אויערען, און ער האָט געזוכט א געלעגענהייט איהם צו כאַפּען. הורדוס האָט אבער מורא געהאַט פאר'ן צארן פון פאָלק, ווייל יוחנן איז ביים פאָלק זעהר באַליעבט געווען.

הורודיה און שלומית זיינען אבער צו איהם צוגעשטאַ־נען, אז ער זאָל כאַפּען יוחנ'ען, און ער האָט זיי נאָכגעגע־בען. ער האָט געשיקט סאָלדאַטען און זיי האבען געכאַפּט יוחנ'ען און איהם איינגעשפּארט אין א צימער פון פּאַלאַץ.

דאס איז געווען אויף מאָרגען ווי מען האָט איהם איינ־געשפּארט, ווען יוחנן איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, מיט'ן פּנים צום וואַנט. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט ווי די טיר האָט זיך געעפענט און ווייכע טריט האבען זיך צו איהם דערנעהנטערט.

יוחנן האָט זיך אָפּגעקערט פון וואַנט און האָט אַרויס־געלאָזען א געבריל ווי א פאַרוואונדעטער לייב:

— דו, דו!...

שלומית איז צו איהם פּאַמעלעך צוגעגאַנגען מיט איהרע ווייכע, טאַנצענדיגע טריט און האָט מיט א באַזונדער אויפ־מערקזאַמקייט גענומען באַטראַכטען דעם אויף דר'ערד לי־גענדיגען יוחנן.

יוחנ'ען איז דאס גאַנצע בלוט געקומען אין קאָפּ. ער האָט ווי דורך א שלייער געזעהן לאַנגע, גאָלדענע

האר פאַלען ווי פליגלען פון ביידע זייטען, און אויגען אַזעלכע ווייכע, גלעטענדיגע.

ער האָט ווי אַ ליִיב געברומט:

— דו!... דו!...

און אַ וואוילקלינגענדיגער קול האָט ליעב געענטפערט אויף זיין געבריל:

— דאָס בין איך, שלומית, וועמען דו האָסט אַזוי ליעב און וועמען דו באַשמוצסט און פאַרלוימדעסט אין די גאַסען פון ירושלים.

יוחנן האָט זיך פון דער ערד אַ הויב געטאָן און האָט זי אָנגעכאַפּט:

— געה אַוועק, דו טאָכטער פון זינד! איך וועל דיך דערשטיקען!

— דו וועסט שלומית׳ן ניט דערשטיקען — האָט איהר שטים ווייך און פאַרפיהרעריש געקלונגען. — דו ליעבסט דאָך שלומית׳ן!

יוחנן איז צעמישט געוואָרען. איהר נאָהענטקייט און די שמעקעדיגע עסענצען, וואָס האָבען געשלאָגען פון איהר וואַרימען לייב, האָבען איהם באַרוישט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס מיט איהם איז. עס האָט איהם פאַרכאַפּט דער אָטעם.

— יוחנן, — האָט שלומית גערעדט, — דיין שטראָף וועט זיין, וואָס שלומית וועט דיך מיט איהר לייב פאַרברענען...

און זי האָט צערטליך אַרומגענומען זיין קאָפּ.

אויף יוחנ׳ען האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אַ שווערער וואָלקען. עס איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען, און אין די אויערען האָט גענומען זשומען ווי טויזענדער פליגען וואָלטען אַרום זיי געפלויגען. ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט אַ

שאַרפען, דורכדרינגענדיגען וועהטאַג אין האַרצען און אַ שרעקליכען אַנפאַל פון ווילדקייט. אומבאַוואוסט פאַר איהם אַליין האָבען זיינע צייהנער זיך שטייף אויפגענומען, און די אויגען האָבען מיט וועהטאַג זיך גענומען שפּאַרען פון די לע־כער. ער האַט ווילד אַ כאַפּ געטאָן שלומית'ן און זי אַ וואַרף געטאָן אַן ד'ערד, און אַליין איז ער געפאַלען אין אַ ווינקעל און האַט איינגעגראָבען זיין קאָפּ אין די אָרעמס.

שלומית איז צו איהם צוגעפאַלען, געקושט דעם ענט־בלויזטען נאַקען מיט פייער און ווילדקייט... זי האַט איהם געבעטען, זי האַט איהם געשוואָרען, אָבער יוחנן האַט זיך פון אָרט ניט גערירט.

זי האַט גערעדט:

— יוחנן, טייערער, געליעבטער, דו שעהנסטער און שטאַרקסטער פון אַלע מענער! צו דיר גלוסט מיין לייב...

און זי האַט געגלעט און געצערטעלט זיין נאַקען.

אָבער יוחנן האַט קיין סימן פון לעבען ניט געגעבען.

זי האַט איהם שטאַרקער גענומען קושען און האַלזען. אָבער ער האַט זיך פון אָרט ניט גערירט.

זי איז געוואָרען אויפגערעגט.

זי האַט איהם גענומען בייסען און רייסען, און ער, ווי פריהער: שטום און אומבאַוועגליך.

זי איז געוואָרען ווילד.

זי האַט איינגעביסען איהרע צייהנער אין זיין האַלז און האַט געשריען:

— איך וועל דיין קאָפּ אָפּבייסען! איך וועל דיין קאָפּ אָפּבייסען!

שטום און קאַלט ווי דער טויט איז יוחנן געבליבען.

זי האַט זיך אויפגעהויבען און האַט אָנגעהויבען לויפען הין און צוריק ווי אַ צערייצטער טיגער. זי האַט געריסען די

קליידער פון זיך און געוואָרפען די שטיקער. זי האָט ענט־בלויזט איהר קערפער און געשריען:

— נעהם מיך, יוחנן! נעהם מיך, יוחנן!...

און ווי פריהער איז יוחנן אומבאַוועגליך געבליבען.

זי האָט מיט אמאָל ארויסגעלאָזען א ווילדען געשריי און איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

יוחנן האָט זיך אויפגעהויבען, זיך געזעצט און ארומגע־טאַפּט די פלעצער וואו זי האָט איהם געביסען. און דערנאָך באַטראַכט די פאַרבלוטיגטע פינגער און זיי צוגעליינט צו די ליפּען, און א שאַרפער וועהטאָג און טיפע בענקשאַפט האָט ארומגעכאַפּט זיין גאַנצען וועזען...